**זיי ממשיך בעבודתך הקדושה מיט הדפסה**

בעזרת ה׳ יתברך- יום א׳ פרשת קרח, כ״ז סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה; האברך ... נרו יאיר זאגט מיר אז דו געבסט יעדע חודש פאר די רענט פון ישיבה הונדערט דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו די ברכה פון (תהילים קכח, ג): ״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״.

אויף די פראגע צי דו זאלסט איבער לאזן דיין ארבעט וכו׳; ביז דערווייל בלייב ארבעטן וואו דו ארבעסט און דער אייבערשטער זאל דיר אפהיטן פון אלעם שלעכטס; אז דו וועסט זען אז דו דארפסט ארבעטן צוזאמען מיט וכו׳ וואס דאס איז יחוד, דעמאלט זאלסטו אוועק לויפן פון דארט ווי מען לויפט אוועק פון א שריפה.

זיי ממשיך בעבודתך הקדושה מיט הדפסה; ר׳ נתן האט געזאגט פאר זיין הסתלקות: ״נו, אז עזרא הסופר גייט אוועק פון דער וועלט, און טריף פסול איז זיך מתגבר, אזוי פיל ווי ס׳איז היינט דא אלפים ורבבות טריף פסול; נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ׳ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג״, און ר׳ נתן האט אויסגעפירט: ״איך זאג אייך אן, אז אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, עס זאל זיין ׳יפוצו מעינותיך חוצה׳; איר זאלט זיין שטארק מיט ׳געלט׳ מיט ׳רצון׳ און מיט ׳טירחא׳״ (עזרא הסופר איז נסתלק געווארן עשרה בטבת; ר׳ נתן האט דאס מרמז געווען אויף זיך, אז ער האט געהאט נשמת עזרא הסופר).

דאס דארפן מיר טון: עוסק זיין אין פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס ספרים אויף די גאנצע וועלט, און מיר דארפן זיין שטארק מיט ׳געלט׳ מיט ׳רצון׳ און מיט ׳טירחא׳; אז איינער קען ברענגען געלט צו דרוקן - זאל ער ברענגען געלט, אז איינער קען קומען העלפן דרוקן - זאל ער קומען דרוקן, איינער קען גיין ביי די הייזער מיט די ספרים וכו׳, יעדער איינער זאל צו לייגן א האנט צו האבן א חלק אין מגלה זיין דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**מיט תורה האט מען א גוט לעבן**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת קרח, כ"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו ערב שבת.

איך האב זיך מורא'דיג מחי' געווען צו הערן אז דו שטארקסט זיך מיטן רבינ'ס ווערטער, און דו ביסט ווייטער ממשיך צו לערנען יעדן טאג אביסל תורה; דו שרייבסט אז דו גייסט מסיים זיין די צווייטע מאל ששה סדרי משנה, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא!

אין די תורה ליגט אלעס גוטס; אז מען לערנט די הייליגע תורה איז מען זוכה צו האבן א גוט לעבן, און מען ווערט אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

דו האסט מיר ממש מחי' געווען מיט די פאר ווערטער וואס דו האסט מיר געשריבן, ווייל עס איז שוין צען יאר וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו לערנען מיט תלמידים, און ווען מען הערט צוריק פון אינגעלייט ווי מען שטארקט זיך, אפילו מען ארבעט שווער צו ברענגען פרנסה - דאך לערנט מען יעדן טאג אביסל חומש, משניות וכו'; מען שטארקט זיך מיט די אלע דרשות וואס מען האט געהערט אין די יונגע יארן אין ישיבה, דאס געבט כח ווייטער צו לערנען מיט פרישע תלמידים.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן שפע, זאלסט זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע שטוב צוזאמען מיט דיין ווייב תחי', אמן.

...

~~~~~~~~~~

**א דאנק פאר די גוטע בשורה**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת קרח, כ"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך פריי מיך זייער אויף די גוטע בשורה אז דיין זון איז שוין אהיים געקומען פון שפיטאל; איך האב זייער אסאך מתפלל געווען פאר דיר און דיין זון. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל האבן א רפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל.

ווען מען איז מזכיר א צרה, דארף מען אויך געדענקען צו קומען מבשר זיין די גוטע נייעס; זייער אסאך מאל פארגעסט מען צו קומען זאגן אז דער אייבערשטער האט געהאלפן. איך האב געמיינט אז ער איז נאך אין שפיטאל ביז היינט.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**ביים אייבערשטן איז זייער חשוב תשובה**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת קרח, כ"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך ווייס נישט ווער איר זענט, איך האב געליינט אייער בריוו און עס האט מיר זייער באנומען אייער שטארקייט, ווי איר שטארקט זיך אין אידישקייט נאכדעם וואס איר האט געמיינט אז אידישקייט איז א שלעכטע זאך און איר האט געטון נישט גוטע זאכן אין לעבן, אבער איר האט זיך צוריק געקערט צום אייבערשטן; זענט איר זייער חשוב ביים אייבערשטן.

וויסן זאלט איר אז ביים אייבערשטן איז זייער חשוב דער וואס קערט זיך צוריק און טוט תשובה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לד:) "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד", א בעל תשובה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן; דערפאר, אז איר האט אנגעהויבן היטן שבת קודש, וועט אייך דער אייבערשטער מוחל זיין אויף אלע עבירות וואס איר האט עובר געווען, ווייל ווען מען היט שבת איז דער אייבערשטער מוחל אויף אלע עבירות (שבת קיח:).

בנוגע אייער טאטע וואס שרייט אויף אייך און דערנידערט אייך; נאך אביסל וועט איר אויפשטעלן אן אייגענע שטוב, דעמאלט וועט אייך גוט זיין. דערהאלט זיך און ווארטס אויס אויף אייער שידוך.

ביים אייבערשטן איז זייער חשוב א צעבראכענע הארץ, בפרט איר וואס איר זענט איינער אליין, איר שפירט זיך אליין אויף דער וועלט, אויב איר וועט רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, איר וועט אים בעטן ער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן א גוט לעבן, וועט ער אייך העלפן.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס רופט זיך 'התבודדות'; אז א מענטש זאל זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, אויף זיין מאמע לשון; מען זאל גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און זיך אויסשמועסן דאס הארץ, מען זאל פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער
~~~~~~~~~~~

ברוחניות ובגשמיות, וואו דער יצר הרעווארפט אים אלץ אראפ, און אז וויפיל מאל מען וויל שוין זיין גוט פאלט מען נאכאמאל צוריק אריין אין בלאטע.

זוכט אייך אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, יעדן טאג זאלט איר אהינגיין זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן; פארציילט אים אלעס וואס גייט אריבער אויף אייך, אלעס וואס איר ליידט אין שטוב וכו', איר זאלט אים אלעס פארציילן און גארנישט באהאלטן פון אים, וועט איר זען ווי ער וועט אייך העלפן.

קוקטס נישט קיין שמוציגע מאוויס; דאס איז נישט גוט פארן מענטש און דאס שאדט שפעטער פארן לעבן. לייגט ארויף א פילטער אויף אייער סמארט-פאון אז איר זאלט נישט האבן קיין וועג צו קוקן עבירות. אז מען קוקט שמוציגע קליפס און עקעלדיגע מאוויס ווערט מען דיפרעסט; אין אנהייב זעט אויס כאילו מען גייט אריין אין א ליכטיגע וועלט אבער נאכדעם שפירט מען ווי דאס לעבן ווערט אויס.

פאלגט מיר, קוקט נישט קיין מאוויס; עס איז א שאד פאר אייער לעבן. איר זענט א יונגע מיידל, און עס ווארט אייך א שיינעם עתיד, נאך אביסל וועט איר טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב, פארוואס זאלט איר זיך אליינס חרוב מאכן אייער שיינעם עתיד? שמירת עיניים איז נישט נאר פאר מענער, שמירת עיניים איז פאר פרויען אויך א מצוה.

גלייבטס מיר, איך האב נישט קיין שום אינטערעסע דא; איך קען אייך נישט, איך וויל נאר איר זאלט האבן א גוטע לעבן.

שרייבטס מיר צוריק אויב איר האט ערהאלטן דעם בריוו.

...

~~~~~~~~~~

**זיבן יאר פון די סקול "בית פיגא"**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת קרח, כ"ח סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי', מנהלת בית חינוך לבנות "בית פיגא" ברסלב**

איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו דאנקען אויף וואס איר טוט מיט אונזערע מיידלעך; די וואך ענדיגן מיר נאך א יאר סקול. נאך א יאר איז אריבער מיט אריין לייגן אין קינדער אמונה, נאך א יאר איז אריבער מיט אריין לייגן אין קינדער רעדן צום אייבערשטן, די קינדער זאלן אויפוואקסן מיט דעם וויסנשאפט אז עס איז נישט פארהאן קיין אנדערע תכלית - נאר צו דינען גאט ברוך הוא, צו אים דארף מען זיך ווענדן ווען מען האט א צרה און צו אים דארף מען זיך ווענדן ווען מען וויל סיי וואס. נאך א יאר
~~~~~~~~~~

איז אריבער מיט אריין לייגן אין קינדער צניעות; די קינדער זאלן וויסן אז צניעות איז נישט קיין קנס, נאר אז צניעות ברענגט ארויס דאס חשיבות פונעם מענטש, נאך א יאר איז אריבער מיט אריין לייגן אין די קינדער דעם הייליגן רבינ׳ס עצות.

יעדער איינער אויף דער וועלט מוטשעט זיך; עס איז נישט דא וואו אוועק צו לויפן פון די פלאג פון דער וועלט. וואויל איז פארן מענטש וואס לייגט אריין זיין פלאג פאר א זאך וואס בלייבט, ער לייגט אריין זיין לעבן אין אויפבויען אידישע קינדער. געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה צו משמש זיין דעם רבי׳ן מיטן מחנך זיין מיידלעך זיי זאלן וויסן ווי אזוי מען געבט זיך אן עצה אין לעבן - דורך רעדן צום אייבערשטן.

יעצט האלטן מיר זיבן יאר פון ווען מיר האבן געעפענט אונזער סקול ״בית פיגא״; שנת תשע״ב האבן מיר געעפענט דעם סקול מיט דרייצן מיידלעך - פון דריי ביז צוועלעף יאר, מיר האבן אויסגעזען ווי א חוזק, אלע האבן געלאכט, אבער ברוך השם אז מיר שטייען שוין דא אז מיר האבן שוין אייגענע טיטשערס תלמידות פון בית פיגא וואס האבן באקומען די הייליגע חינוך אזוי ווי מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח ווייטער אנצוגיין מיט אייער ארבעט ביתר שאת וביתר עוז; איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער. אייער זון ... נרו יאיר וואקסט אן ערליכע איד; ער דאווענט מיט א פייער, מיט זיין דאווענען וועקט ער אויף אלע מתפללים פון שלאף, אלע זעען ווי א יונג קינד דאווענט מיט א ברען הייבט מען אן טראכטן ׳וואו בין איך אויף דער וועלט?׳ ווי אויך לערנט ער זייער פלייסיג; זעט מען אז ווען מען טוט פאר אנדערע אידן העלפט דער אייבערשטער ביי די אייגענע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אינעם לעבן גייט אלעס גרינגער; דער רבי וועקט אונז אויף פון שלאף און זאגט אונז: ״קוק אויפן הימל, קוק אז עס איז דא א באשעפער״; נישט זיין א קמצן מיט געלט און אויך נישט בדיבור.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת קרח, א׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אין לעבן גייט אלעס גרינגער, אבער אז מען טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן דעמאלט מוטשעט מען זיך זייער שטארק.
~~~~~~~~~~

אזוי ווי מיר זעען ביים מזבח; ביים צווייטן בית המקדש האט מען צוגעלייגט צום מזבח נאך אפאר אמות ווייל עס איז נישט געווען קיין פלאץ אויפן מזבח פאר אלע קרבנות, פרעגן די הייליגע חכמים (זבחים סא:): ווי אזוי קען זיין אז עס איז נישט געווען קיין פלאץ אויפן מזבח, בים ערשטן בית המקדש זענען דאך געווען אסאך מער אידן, אזוי ווי עס שטייט (מלכים-א ד, כ): "יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל רַבִּים כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל הַיָּם", עס זענען געווען אזוי פיל אידן ווי זאמד ביים וואסער, און ביים צווייטן בית המקדש זענען געווען אסאך ווייניגער? ענטפערט די גמרא: "הָתָם אֵשׁ שֶׁל שָׁמַיִם מְסַיְּיעָתָן, הָכָא אֵין אֵשׁ שֶׁל שָׁמַיִם מְסַיְּיעָתָן", ביים ערשטן בית המקדש איז געווען א פייער פון הימל און דאס האט שנעל פארברענט די קרבנות, ממילא איז גענוג געווען א קליינע מזבח, אבער ביים צווייטן בית המקדש איז נישט געווען א פייער פון הימל, דעריבער האט מען געדארפט האבן א גרויסער מזבח מען זאל קענען נאכקומען די פילע ארבעט.

זעט מען פון דעם אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אינעם טאג טעגליכן ארבעט, דאן קומט מען אן צו אלעם, אבער אז מען נעמט נישט אריין דעם אייבערשטן אינעם ארבעט איז נישט דא קיין פלאץ און צייט נאכצוקומען די ארבעט. דעריבער בעט איך דיר טייערער ... שטארק דיך אין אמונה, בעט דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס דרוקט דיר, דערצייל אים אויס אלסדינג - וועט דיר גרינגער ווערן אין לעבן, ווייל אז מען האט דעם 'אש של שמים' מען לעבט מיטן אייבערשטן, "מסייעתן", האט מען צייט און כח און מען קומט אן מיט אלעמען.

וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן; דער רבי וועקט אונז אויף פון שלאף, דער רבי דערמאנט אונז אז מיר זאלן ארויפקוקן צום הימל - געדענקען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. מיר געפונען ביי די מלחמה פון עמלק, ווען משה רבינו האט געהאלטן זיינע הענט צום הימל האבן די אידן מנצח געווען, פרעגן חכמינו הקדושים (ראש השנה פרק ג, משנה ח): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה?" צי טוט דען משה רבינו'ס הענט מאכן מען זאל מנצח זיין אדער פארלירן, "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נאר וואס דען, משה רבינו איז געזיצן און געוויזן מיט זיינע הענט אויף ארויף, ער האט געזאגט פאר די אידן: "קוקט ארויף צום אייבערשטן!" "האטס נישט מורא פון עמלק"; עמלק וויל אונז שוואך מאכן, ער כאפט די מענטשן וואס פאלן אראפ אין עבירות און ער זאגט זיי: "דו ביסט שוין פארפאלן", "דו ביסט שוין דערנאך", קומט משה רבינו און ווייזט אויף ארויף, משה

רבינו זאגט: "קוק נישט וואס עמלק זאגט, הער נישט צו דעם יצר הערע, קוק צום אייבערשטן".

אמאל האט דער רבי געפרעגט איינעם פון די תלמידים: "האסט שוין היינט געקוקט אויפן הימל?" דער איד איז געווען א גרויסער עושר און ער איז געווען אריין געטון אין זיינע געשעפטן, ער האט אינגאנצן פארגעסן אז עס איז דא א בורא כל עלמים וואס ער פירט דער וועלט; דאס טוט דער רבי מיט אונז אלע, ער וועקט אונז אויף פון שלאף, דער רבי זאגט אונז: "קוק אויפן הימל; קוק עס איז דא א באשעפער", כאפ אריין עפעס גוטס וואס וועט איבער בלייבן, אזוי ווי דער תנא זאגט (אבות ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד", א מענטש נעמט נישט מיט אויף יענע וועלט - נישט קיין געלט און נישט קיין גאלד, נאר תורה, מצות און מעשים טובים.

זיי מחזק דיין ווייב, געב איר א גוט ווארט; געדענק וואס דער הייליגער זוהר זאגט (תיקוני זוהר, הקדמה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְאֲבָהָן", א קמצן איז א נבל און ער שטאמט נישט פון אידן; א קמצן מיינט מען נישט נאר דער וואס קארגט אויף געלט, א קמצן איז אויך בדיבור, מען קארגט גוטע ווערטער, מען קארגט קאמפלימענטן, דערפאר זאלסטו זען איר צו געבן גוטע ווערטער - נאר דו וועסט מרוויח זיין דערפון.

היינט נאכט איז די פרויען צוזאמקום; זע צו בלייבן אין שטוב מיט די קינדער אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך מחזק זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**די געוואלדיגע אוצרות וואס מען קויפט זיך איין בEמשך די זוממער וואכן אין מחנה היכל הקודש; די שיינקייט פון צניעות; די תלמידים זאלן לעבן צווישן זיך באחדות, בשלום ובשלוה; מאכן די ריכטיגע הכנה פאר די הייליגע טעג; ביים רבי׳ן איז נישט דא דער באגריף פון זיך אהערשטעלן פאר א צווייטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת קרח, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אלע משפחות וואס קומען אין מחנה היכל הקודש ברסלב מאנטיסעלאו, כל אחד בשמו הטוב יבורך.**

אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלינו אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי׳ן, און טאקע אשרינו אז מיר האבן א פלאץ פאר אונזערע קינדער וואו מען קען זיי איפברענגען מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן, מיט תפילה והתבודדות להשם יתברך, זיי וואקסן אויף פון זייער יוגענט אן אז עס איז דא איין אדרעס וואו זיך צו ווענדן ווען מען האט א צרה - נאר צום אייבערשטן.

איך פריי מיך זייער שטארק אז איר קומט זוממער אין קעמפ; אמת, עס קאסט אסאך געלט, אבער ווען מען קוקט מיט אן אמת׳ער אויג וואס מען באקומט אלץ ביים רבי׳ן בכלל, ובפרט זוממער ווען מען איז צוזאמען די צען וואכן, איז דאס בכלל נישט קיין טייערע פרייז אויף וואס מען וואלט ווען באמת געדארפט צאלן. א מענטש וואלט אוועק געגעבן זיין גאנצע געלט מען זאל אים געבן לעבן, מען זאל אים אויסלערנען שלום בית, מחזק זיין אנצוהייבן נאכאמאל און אנכאמאל וכו׳ וכו׳.

איך וויל זייער בעטן אלע משפחות וואס קומען אין קעמפ אז מען זאל אנטון די קינדער צניעות׳דיג; צניעות הייבט זיך נישט אן אויף דער עלטער, צניעות איז פון קינדערווייז אן. איך וויל קענען שטאלצירן פאר מוהרא״ש זכותו יגן עלינו אז מיר האבן א קהלה וואס פירט זיך מיט קדושה וטהרה.

וויסן זאלט איר אז צניעות איז נישט קיין קנס אדער א תקנה פונעם מוסד וואס מען מוז אויספאלגן, און מען טוט דאס נאר אין די שעות וואס מען שיקט די קינד אינעם מוסד אבער אין שטוב קען מען זיין נישט צניעות׳דיג; צניעות איז א מתנה פונעם אייבערשטן, צניעות ברענגט ארויס די ווערד פונעם מענטש. א חי׳ האט נישט קיין שום ווערד (Value), ממילא נישט שייך ביי זיי קיין צניעות, אזוי אויך זעט מען ביי די גוים אז זיי גייען אויסגעטון ממש ווי די חיות, ווייל זיי זענען נישט מער ווי א חי׳, אזוי ווי דער נביא זאגט (יחזקאל כג, כ): ״אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם״, א גוי איז גלייך צו אן אייזל;

ביי זיי איז נישט דא קיין חשיבות, אבער מיר אידישע קינדער וואס די תורה רופט אונז אן מענטשן, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לד, לא): "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי, אָדָם אַתֶּם אֲנִי אֱלֹקֵיכֶם", זאגן חכמינו הקדושים (יבמות סא.): "אַתֶּם קְרוּיִם אָדָם", מיר אידן ווערן אנגערופן מענטשן, "וְאֵין אֻמּוֹת הָעוֹלָם קְרוּיִם אָדָם", אבער די גוים ווערן נישט אנגערופן מענטשן; ממילא איז ביי זיי נישט שייך די גאנצע מצוה פון צניעות.

צניעות איז א זאך וואס ברענגט ארויס ווער דער מענטש איז, צניעות איז דער פענע פונעם הארץ; קיינער זעט נישט וואס טוט זיך אין א צווייטנס מח, מען קען נישט זען פון אינדרויסן וואס טוט זיך אין א צווייטנס הארץ, מען קען אבער זען ווי אזוי יענער פירט זיך, מען זעט ווי אזוי יענער טוט זיך אן; דער וואס איז איידל און טייער געבט אכטונג ווי אזוי מען גייט אנגעטון און ווי אזוי מען פירט זיך וכו', מה שאין כן דער וואס פירט זיך נישט בצניעות ווייסט מען וואס טוט זיך אפ ביי יענעם השם ישמרינו.

דעריבער בעט איך אייך מיינע טייערע תלמידים, מיר קומען אין קעמפ פאר איין ציל: זיך צו שטארקן מיט אמונה און יראת שמים, מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון אלע שלעכטס. בעט איך אייך, פירט אייך איידל, געדענקט וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

צניעות איז נישט נאר צווישן מענער, צניעות גייט אויך אן אין שטוב און אויך ווען מען איז נאר צווישן פרויען, ווי למשל ביים שווימען; דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו שרייבט אז א פרוי טאר נישט שווימען מיט א 'בעידינג סוט' ווייל עס איז א בגד של פריצות. דארף מען זייער אכטונג געבן אויף דעם, און איך פארלאנג פון יעדע פרוי וואס וויל שווימען ביי אונז אין קעמפ צו שווימען דוקא מיט א שווים קלייד; זאג נישט עס איז שווער צו שווימען מיט א קלייד, ווייל אסאך זאכן זענען שווער, די שווערסטע זאך איז זיך מוטשען מיט קינדער וואס ווען אנטלויפן פון אידישקייט, מען זאל אפגעהיטן ווערן וואס עלטערן מאכן מיט השם ישמרינו. נעם דעם רבינ'ס ברכה אויף ערליכע קינדער, און אז מען טראכט פון ערליכע קינדער איז גארנישט שווער, אז מען טראכט וואס גייט זיין אין יארן ארום מיט מיין משפחה, וועלן זיי זיין וואויל און טייער? וועלן זיי זיין אפגעהיטן פון שלעכטס? דעמאלט פאלן אוועק אלע שוועריקייטן.

איך קוק ארויס א גאנץ יאר אויף די זומער וואכן; פאר מיר איז דאס ממש ווי 'גן עדן'. מען זיצט צווישן די ביימער, צווישן די גראז און מען איז זיך מתבודד צווישן זיי;

"ווי וואויל און ווי גוט איז צו רעדן צום אייבערשטן צווישן די גראז" - אזוי האט דער רבי געזאגט פאר זיין טאכטער.

דעריבער בעט איך ענק אלע מיינע טייערע תלמידים, מאכט מיר א נחת רוח און פירט אייך איידל, פירט אייך מיט ליבשאפט איינער צום צווייטן, לאמיר האבן א ווינקעלע אן קיין שום מחלוקת, אן קיין שום שנאה איינעם צום צווייטן. די פרויען וואס זיצן אין שמועסן זאלן נישט שמועסן אויף אנדערע מענטשן שלעכטס; שמועסט געזונטערהייט, אבער שמועסט פון רבי'ן, שמועסט ווי גליקליך מיר זענען, פארברענגט און האט הנאה ביז שפעט אויפדערנאכט, אבער נישט בארעדן א צווייטן חס ושלום.

עס גייט מיר אין לעבן מיר זאלן לעבן מיט ליבשאפט; איך האב ליב יעדן איד, בפרט מיינע ליבע תלמידים און איך וויל איר זאלט אויך ליב האבן איינער דעם צווייטן; ר' נתן האט געזאגט: "ווען איך זע צוויי 'טרעגערס' קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"; מיר שטעכט אויך ווען איך זע ווי מען קריגט זיך, עס שטעכט מיר ביז מיין הארץ.

איך קען נישט פארגעסן א מראה נורא וואס איך האב געזען ביי מוהרא"ש; איך האב זוכה געווען צו זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה צוזאמען מיט מוהרא"ש צען יאר, פון שנת תשס"ו - וואס איז געווען מיין ערשטע ראש השנה ביים רבי'ן אין אומאן. איך האב נישט זוכה געווען צו הערן קיין תקיעת שופר דרשה פון מוהרא"ש, די לעצטע צען יאר האט מוהרא"ש נישט געגעבן קיין דרשה פאר שופר בלאזן, חוץ צוויי מאל האט מוהרא"ש גערעדט פאר בלויז צוויי מינוט, אבער מיט אזא געוויין... ווען איך דערמאן זיך נאר פון דעם וויין איך; מוהרא"ש האט געוויינט און געזאגט: "איך האב נישט קיין כח צו רעדן, אבער איין זאך וויל איך אייך בעטן, ווער עס האט א שנאה אויף א צווייטן איד דא אין בית המדרש בעט איך אים ער זאל ארויס גיין פון בית מדרש" - מוהרא"ש האט געוויינט, קוים וואס ער האט געקענט רעדן - "איך וויל האבן ריינע ד' אמות אן קיין מחלוקת אן קיין שנאה איינער אויפן צווייטן", יעדער וואס האט זיך געפונען אין שול האט תשובה געטון און זיך איבערגעבעטן איינער מיטן צווייטן. מען האט געזען וואס מוהרא"ש וויל באמת, ווי עס גייט אים אין לעבן מען זאל זיך נישט קריגן, אזוי ווי ער שרייבט אין די לעצטע בריוו וואס ער האט געשריבן אין שפיטאל אפאר שעה פארן הסתלקות, פאר די אינגעלייט: "אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט". דאס זעלבע בעט איך אייך מיינע טייערע תלמידים ותלמידות, איך וויל ווייזן פאר מוהרא"ש: "רְאֵה בָּנַי שֶׁגִּדַּלְתִּי", קוק

ווי מיר האבן א ריינע ד׳ אמות, מיר קריגן זיך נישט, מען זוכט נאר דאס גוטס איינער אויפן צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך צו גרייטן צו די הייליגע טעג ווי עס דארף צו זיין; די דורשי רשומות זאגן אז תמוז איז די ראשי תיבות: זְ׳מַנֵּי תְּ׳שׁוּבָה מְ׳מַשְׁמְשִׁין וּ׳בָאִין", די טעג פון תשובה קומען שוין נענטער און נענטער; נאך אביסל פארן מיר צום הייליגן רבינ׳ס ציון זיך אויסבעטן א זיסע יאר, א גליקליכע יאר. ׳כִּי כָל לֵבָב דְּוָי וְכָל רֹאשׁ לְחֳלִי׳, יעדנס הארץ איז פארווייטאגט און יעדנס קאפ טוט ווייִ; אידישע קינדער גייען אריבער זייער אסאך שוועריקייטן; וויפיל אידישע קינדער דארפן רפואות; וויפיל אידישע קינדער ווארטן צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, פרנסה, נחת, וכו׳; ביים רבי׳ן וועלן מיר אויס׳פועל׳ן פאר אונז און פאר אלע אידן ישועות און רפואות. דעריבער איז ממש פאסיג צו זיין די פאר וואכן אינדרויסן פון שטאט צוזאמען אנשי שלומינו, מיר וועלן זיך העלפן איינער דעם צווייטן און זוכן דאס גוטס איינער ביים צווייטן.

ברוך ה׳ ביים רבי׳ן איז נישט דא קיין זיך אהערשטעלן פאר א שכן; מען גייט אנגעטון ווי מען גייט אנגעטון, אזוי ווי דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה יב, מבעל תפילה) דער בעל תפילה האט נישט געקוקט אויף קליידער, נאר ווי אזוי מען גייט אנגעטון גייט מען אנגעטון; ביי אונז איז פארקערט ווי ביי די וועלט, איינער וואס קומט מיט רייכע קליידער אנגעטון פאר די קינדער קוקט מען נישט ארויף, מען קוקט זיי אן ווי א רחמנות וואס מען דארף אויך מקרב זיין. עס איז נישט דא קיין רייץ צווישן די פרויען ווער עס קען גיין מער טייער וכו׳. איך האף אז עס וועט זיין אזוי אויך דאס יאר, מען וועט אנטון די קינדער פשוט, נישט סטייליש, ווען מיר זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**פאררעכטן נאר זיך אליין**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת קרח, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב געליינט דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

וויסן זאלסטו אז מיר טוט דאס נאך אסאך מער וויי; ווי קען א קינד זיך אזוי אויפפירן צו אייגענע טאטע מאמע?! וויי און ביטער איז פאר א קינד וואס פירט זיך מיט עזות צו די עלטערן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנָּם", אן עזות פנים וועט האבן דעם גיהנום אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

נעם דיר נישט צום הארצן ווי אזוי דיין שוועסטער פירט זיך וכו', קוק נאר אויף דיר; דו זיי מכבד דיינע עלטערן מיטן גרעסטן מאס כבוד. דיינע עלטערן זענען טייערע מענטשן, זיי זענען גרויסע בעלי חסד, זיי העלפן אלעמען; אויך מיר העלפן זיי זייער געטריי.

מיר קענען נישט פארריכטן די וועלט, מיר קענען בלויז זיך אליינס פאררעכטן - אזוי וועט די וועלט פארראכטן ווערן. אזוי ווי דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט סוף ימיו: "אין מיינע יונגע יארן האב איך געמיינט אז איך וועל פאררעכטן די וועלט, שפעטער האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן די גאנצע וועלט האב איך געטראכט 'כאטשיג מיין שטאט וועל איך פאררעכטן', שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן מיין שטאט, האב איך געטראכט 'איך וועל פאררעכטן מיין משפחה', אבער ווען איך בין נאך מער עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט קיינעם פאררעכטן, איך וועל פרובירן מיך אליינס צו מתקן זיין".

דיין מאמע'ס הארץ איז געלעכערט פון ווייטאג, זאלסטו זען אנצופילן די לאך פון דיין מאמע'ס הארץ; זע צו רעדן מיט דרך ארץ, אפילו מען שרייט אויף דיר ענטפער נישט צוריק.

אז דו וועסט זיך שיין אויפפירן וועט זי האבן נחת פון דיר, און דו וועסט זיך איינקויפן עולם הבא.

זאג נישט גארנישט פאר דיין שוועסטער; בעט דעם אייבערשטן אז עס זאל שוין אראפ קומען א רוח טהרה פון אויבן, אליהו הנביא זאל קומען שלום מאכן צווישן קינדער און עלטערן, אזוי ווי עס שטייט (מלאכי ג, כד): "וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים, וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם", במהרה בימינו.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

### דער וואס טשעפעט, איז דער רחמנות

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת קרח, ב' דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן יח): דער וואס דרייט איבער פון כעס אויף רחמנות איז זוכה צו א גוט לעבן; יעדעס מאל מען האט צוטון מיט א צווייטן מענטש, אויב מען לייגט אריין אין די מעשה דאס ווארט "רחמנות", דאן טוישט זיך די גאנצע מעשה.

די גאנצע לעבן טוישט זיך אויב מען קוקט אויף א צווייטן מיט רחמנות; ווען מען האט צוטון מיט א שווערע מענטש און מען שפירט ווי מען קען עס מער נישט נעמען, דארף מען טראכטן: 'איין מינוט, ער איז דאך אזא רחמנות, ער ליידט דאך דאס מערסטע פון זיך אליין', דעמאלט פאלט אוועק די שנאה, מען דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אז מען האט נישט די שלעכטע נאטור וואס דער אנדערער האט.

דעריבער בעט איך דיר זייער, זאלסט זיך נישט צו טון מאכן ווען איינער שאפט אויף דיר; דו טראכט צו זיך איין ווארט: 'נעבעך...' אז יענער קומט נאכאמאל און שרייט אויף דיר: "וואס טוסטו נישט דאס? וואס טוסטו נישט יענץ?", און דו שפירסט שוין ווי דו קענסט עס מער נישט נעמען, טראכט די איין ווארט: 'נעבעך... יענער איז אזא רחמנות, יענער ווייסט נישט ווי אזוי צו רעדן; יענער מיינט אז די וועלט איז זיינס וכו', יענער טיילט איין פאר אנדערע וואס צו טון וכו''.

דו האסט אודאי געהערט פונעם גרויסן מפיץ ר' שמואל דוד יונגרייז זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א גרויסער מענטש; איינמאל איז ער געגאנגען הפצה אין די פאנעוויטשע ישיבה אין בני ברק, ווען פלוצלינג קומט צו אים צו א בחור און הייסט אים ארויס גיין פון ישיבה, ער האט אים געטשעפעט און געטשעפעט ביז ר' שמואל דוד ז"ל האט זיך ארויס געכאפט א ווארט פון זיין מויל: "דו וועסט נאך ווארטן יארן לאנג פאר דיין שידוך!" ווען ר' שמואל דוד ז"ל איז ארויס פון בנין הישיבה האט אים זייער וויי געטון פארוואס ער האט געדארפט זאגן א שלעכט ווארט פאר יענעם בחור און ער האט נישט געהאט קיין מנוחה דערפון. ער איז צוריק אריין אין ישיבה אים אויפזוכן און געוויינט פאר אים ער זאל אים מוחל זיין, ביז דער בחור האט אים געזאגט: "איך בין דיר מוחל נאר אז דו גייסט שוין ארויס פון דא".

זעט מען פון דעם ווי אזוי א ברסלב'ער חסיד לעבט; ער קוקט מיט אנדערע אויגן אויף א צווייטן. אנשטאט ווערן ברוגז אויף יענעם און ווארטן יענער זאל אים איבער בעטן, קוקט ער אויף יענעם מיט רחמנות'דיגע אויגן און בעט יענעם איבער. צו דעם קומט מען צו אז מען לעבט מיט אמונה; מען לויבט אין דאנקט דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט אין לעבן, אזוי ווי דער הייליגער "תם" האט זיך געפירט, ער איז געווען שטענדיג פרייליך און נישט געקוקט וואס א צווייטער זאגט.

זארג נישט פאר דיין שידוך; נאך אביסל וועסטו טרעפן דיין זיווג. דו בעט דעם אייבערשטן ווייטער אז דו זאלסט אויפשטעלן א שטוב וואו מען וועט לעבן מיטן אייבערשטן און מיט אמונת צדיקים.

...

~~~~~~~~~~

## מ'לערנט אויף ענגליש, דער עיקר איז אבער אמונה

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת קרח, ב' דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך מיין אז דיין ווייב האט נישט גוט פארשטאנען די נעכטיגע שיעור; איך האב נישט געמיינט צו זאגן אז מען לערנט נישט מיט די מיידלעך שפראך, שרייבן און רעכענען וכו'; דאס לערנט מען שוין יעצט און אם ירצה ה' דאס וועלן מיר ווייטער לערנען. איך האב גערעדט פון דעם וואס מען לערנט מיט קינדער אין אנדערע סקול'ס זאכן וואס האט נישט מיטן לעבן, זאכן וואס איז ארויס געווארפן צייט - דאס לערנט מען נישט ביי אונז, מיר לערנען אויס די קינדער אמונה פשוטה, זיי וואקסן אויף אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

אז דו וועסט מיר פרעגן: "וואס הייסט, אנדערע מיידלעך וואקסן נישט אויף אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט?" יא, אבער דער חילוק איז נאר אז אלע 'ווייסן' אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אבער ביי אונז 'לעבט מען מיט דעם בייטאג און ביינאכט', אזוי ווי עס איז באקאנט די מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו. אלץ אינגערמאן איז ער געפארן צו זיין הייליגער רבי דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו און דארט געלערנט פאר עטליכע יאר, ווען ער איז אהיים געקומען האט אים זיין שווער געפרעגט: "וואס האסטו געלערנט ביי דיין רבי'ן?" האט ער געזאגט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט",
~~~~~~~~~~

האט דער שווער אים אויסגעלאכט און געזאגט: "ווער ווייסט דען נישט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט?! איך וועל רופן די דינסט און איר פרעגן צי זי ווייסט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועט זי אויך וויסן", אזוי האט ער געטון און די דינסט רופט זיך אן: "וואסערע פראגע איז דאס? אודאי איז דא א גאט אויף דער וועלט, האט דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע געענטפערט פאר זיין שווער: "יָא יָא, זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער אִיך לֶעבּ מִיט דֶעם".

דאס זעלבע איז מיט אונזערע קינדער, זיי וואקסן אויף מיט אמונה, סיי די אינגלעך און סיי די מיידלעך. איך האב געהערט א מעשה וואס האט זיך לעצטנס אפגעשפילט מיט א מיידל ביי אונז אין סקול, זי האט זיך לא עלינו צוקלעמט אירע פינגער, די פינגער איז איר אראפ געקומען און מען האט איר געדארפט אריין פירן אין שפיטאל, בשעת מען האט געווארט אז די הצלה זאל קומען איז זי געשפרינגען און געשריגן: "אייבערשטער איך האב דיר ליב", "אייבערשטער איך האב נישט קיין קשיות אויף דיר"; נו פרעג איך דיר, וואו הערט מען אזא מעשה, אז א יונגע מיידל פון צוועלף יאר זאל לעבן מיט אזא אמונה, נישט ווערן ברוגז אויפן אייבערשטן ווען עס גייט נישט גוט? דאס איז א פרי פון "בית פיגא"; דאס לערנט מען און מען באקט עס און מען קנעט עס אריין אין די קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כב:): ווען דער הונקעדיגער פרעה האט געשאסן דעם אידישן קעניג יאשיהו המלך, שטייט (דברי הימים-ב לה, כג): "וַיֹּרוּ הַיֹּרִים לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ, וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לַעֲבָדָיו הַעֲבִירוּנִי כִּי הָחֳלֵיתִי מְאֹד", מען האט אים געשאסן אזוי פיל מאל ביז ער איז געווארן געלעכערט ווי א זיפ; בשעת דער קעניג יאשיהו המלך איז אויסגעגאנגען האט מען געזען ווי זיינע ליפן שאקלען זיך, האט ירמיהו הנביא געמיינט: "שֶׁמָּא חַס וְשָׁלוֹם מִילְּתָא דְּלֹא מְהַגְנָא אָמַר אַגַּב צַעֲרֵיהּ", אפשר פון גרויס צער רעדט ער חס ושלום אנטקעגן די אמונה, "גָּחִין", האט ירמיהו הנביא זיך צוגעבויגן צו הערן וואס ער רעדט, "וְשַׁמְעֵיהּ דְּקָא מַצְדִּיק עֲלֵיהּ דִּינָא אַנַּפְשֵׁיהּ", האט ער געהערט ווי ער נעמט אן זיינע יסורים מיט ליבשאפט, ער האט געזאגט דעם פסוק (איכה א, יח): "צַדִּיק הוּא ה', כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", דער אייבערשטער איז גערעכט מיט אלעס וואס ער טוט מיט מיר, ווייל איך האב אים נישט געפאלגט; "פָּתַח עֲלֵיהּ הַהִיא שַׁעְתָּא", האט ירמיהו הנביא געזאגט אויף אים דעם פסוק (איכה ד, כ): "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה' נִלְכַּד בִּשְׁחִיתוֹתָם", דער משיח פונעם אייבערשטן איז נפטר געווארן; ווען מען זעט א מענטש ליגט מיט יסורים, ער איז געלעכערט ווי א זיפ רחמנא לצלן און האט נישט קיין קשיות אויפן באשעפער - דער איז משיח. דאס וועט משיח אין אונז אריין ברענגען און דאס לערנט מיט אונז דער

הייליגער רבי; אפילו עס גייט איבער שווערעקייטן אין לעבן זאל מען זיך נישט פארלירן נאר מצדיק זיין דעם דין אויף זיך און זאגן: "איך האב דיר ליב אייבערשטער!" דאס לערנט מען מיט אונזערע קינדער פון זייער יוגנט.

דאס איז מיין גאנצע שטרעבן מיט די מוסדות; ארויס צו געבן ערליכע אינגעלייט און ערליכע אידישע מאמעס, אלעס אנדערש איז הבל הבלים. די אלע וואס שיקן זייערע טעכטער זיך לערנען ענגליש וכו' וכו' וואס ווען די מיידליך טון מיט זייער ענגליש ווען זיי ווערן חתונה האבן? וואס ווען זיי טון מיט זייער לייסענס וכו' וכו'? דאס וועט זיי נאר שטערן אין זייער לעבן, דאס וועט זיי אוועק נעמען פון זייערע מענער און דאס וועט זיי אוועק נעמען פון זיין א מאמע פאר די קינדער, אדער וועלן זיי בכלל נישט וועלן ברענגען קינדער רחמנא לצלן; דאס האב איך געמיינט ביי די שיעור נעכטן פאר די פרויען, אבער נישט צו זאגן אז מען וועט נישט לערנען קיין ענגליש.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע קינדער; מוהרא"ש האט דערציילט, א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען צום אייבערשטן זי זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך נחת פון דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**מ'טאר זיך נישט אליין פסק'ענען שאלות**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת קרח, ב' דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עס איז נישט דא אזא זאך אז מען זאל זיך אליינס פסק'נען מראות וכו'; יעדעס מאל מען האט א שאלה דארף מען גיין פרעגן א דיין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד", דער וואס שעמט זיך צו פרעגן ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן; יעדע שאלה וואס מען האט מוז מען פרעגן אן ערליכער מורה הוראה, נאר אזוי קען מען בויען א אידישע שטוב.
~~~~~~~~~~

דאס וואס איר שרייבט אז עס איז שווער וכו׳; עס איז שווער ווען מען ווייסט נישט די חשיבות דערפון. ווען א פרוי זאל וויסן ווי חשוב זי איז אין הימל ווען זי האלט הלכות און ווען זי רייניגט זיך וכו׳, וואלט זי געטאנצן פאר שמחה יעדעס מאל זי גייט אריבער די טעג וכו׳; ווייל ווען מען רייניגט זיך דא רייניגט מען אויבן אין הימל די נשמה, און מען איז זוכה אראפ צו ברענגען הייליגע נשמות.

בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט צוריק באקומען אייער צייט וכו׳; איך האב געהאט א מעשה יארן צוריק, איך האב געבעטן מוהרא״ש א ברכה אויף דעם וכו׳, האט מיר מוהרא״ש געזאגט: ״איך וועל דיר שיקן א זאך וואס איז א סגולה פאר דעם, א סגולה וואס דער רבי זאגט״; נאכדעם איז מוהרא״ש געקומען קיין וויליאמסבורג צו א שמחה און מוהרא״ש האט מיר געברענגט א פלאש גרעיפ-דשוס, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן כט): ״וְעַל כֵּן אִשָּׁה שֶׁדָּמֶיהָ מְרֻבִּים וְאֵין לָהּ וֶסֶת, רְפוּאָתָהּ עַל יְדֵי יַיִן שֶׁהִסְתַּכֵּל בּוֹ צַדִּיק אֲמִתִּי״, א סגולה ווען מען קען זיך נישט רייניגן וכו׳, אז מען זאל טרינקען ווייז וואס אן אמת׳ער צדיק האט געקוקט אויף דעם; און וואונדער איבער וואונדער אלעס איז געווארן מסודר, מיר האבן דאס נאך געהאלטן פאר א לאנגע צייט און אויך געטיילט פאר חברים. מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו טרעפן אמת׳ע צדיקים וואס קענען אויסהיילן אלע פראבלעמען.

שטארקט אייך מיט תפילה, וועט אייך דער אייבערשטער העלפן איר וועט האבן א ישועה אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דורך צניעות איז מען זוכה צו גוטע קינדער**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת קרח, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע תלמיד ... וזוגתו ... שיחיו**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בענטש אייך איר זאלט זוכה זיין צו זרע ברך השם, עס זאל מקוים ווערן אלע ברכות וואס צדיקים האבן מבטיח געווען פאר א פרוי וואס וועט גיין אנגעטון בצניעות, און אז מען איז זוכה צו ערליכע קינדער, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג, וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.
~~~~~~~~~~

דאס וואס מען האט מתיר געווען אז פרויען זאלן גיין מיט א שייטל דאס איז נאר כדי צו ראטעווען אידישע קינדער פון גיין מיט די אייגענע האר, דעריבער האבן צדיקים געזאגט מען זאל גיין מיט א שייטל אבי מען זאל נישט גיין מיט די אייגענע האר. אזוי ווי עס איז באוואוסט אז ווען דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו איז געווארן רב אין שטאט סאטמאר האט ער געזען ווי זייער אסאך פרויען גייען מיט די אייגענע האר אויפגעדעקט, האט ער דעמאלט געזאגט אז "מען זאל ענדערש גיין מיט א שייטל ווי צו גיין אויפגעדעקט מיט די אייגענע האר", אפילו בעפאר דעם האט ער זייער מקפיד געווען מען זאל בכלל נישט טראגן א שייטל.

זייער גוט טוט דיין ווייב אז זי טוט זיך אן א טיכל; אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער ענק בענטשן מיט קינדער און אייניקליך ערליכע אידן וואס זענען דבוק צום אייבערשטן און צו די תורה.

...

~~~~~~~~~~

**די נישטיגקייט און סכנה פון תאוות ממון און ליגן אין געלט; געבן גוטע ווערטער פאר די ווייב און איר אויפבויען; זיין קלוג - נישט גערעכט; זוכן נאכצולויפן שלום; "געלט איז גאר קיין תכלית נישט; עס איז דא איין תכלית אויף דער וועלט, נאר צו דינען דעם אייבערשטן".**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז א גרויס רחמנות אויף דיר אז דיין גאנצע קאפ איז נאר אריין געטון אין געלט; דו הערסט נישט אויף צו טראכטן פון געלט, פון קויפן הייזער און פון האבן נאך נכסים. קוק וואס דער תנא זאגט (אבות ב, ז): "מַרְבֶּה נְכָסִים - מַרְבֶּה דַאֲגָה", א מענטש וואס פארמאגט אסאך פארמעגן האט אסאך דאגות; ווי מער א מענטש ווערט נאכגעשלעפט נאך געלט אלץ מער פארגעסט ער פונעם אייבערשטן, מען לעבט א פינסטערע לעבן און מען איז קיינמאל נישט צופרידן.

לאמיר זען וואס דער רבי זאגט וועגן נאכלויפן געלט. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כג): "וְאֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲווֹת מָמוֹן", די אלע מענטשן וואס לויפן נאך געלט און טראכטן נאר פון געלט, "וְאֵינָם מַאֲמִינִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יָכוֹל לְפַרְנֵס אֶת הָאָדָם בְּסִבָּה קַלָּה", זיי גלייבן נישט אז דער אייבערשטער קען זיי העלפן און וועט זיי העלפן, "וְרוֹדְפִים אַחַר פַּרְנָסָתָם בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת", נאר זיי לויפן נאך די געלט
~~~~~~~~~~

מיט אלע כוחות, "וְהֵם אוֹכְלֵי לֶחֶם בְּעִצָּבוֹן", די זענען שטענדיג בעצבות, "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נִקְשָׁרִים בְּפָנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא - אֱלֹהִים אֲחֵרִים", זיי זענען נעבעך צוגעבינדן צו די סטרא אחרא, "חֹשֶׁךְ, בְּחִינַת מִיתָה", עס איז זיי שטענדיג פינסטער, זיי לעבן א טויטע לעבן.

עס איז כדאי דו זאלסט לערנען דעם תורה און זען וואס דער רבי זאגט דארט, אין וואסערע גרויסע סכנה די מענטשן וואס ליגן אין תאוות ממון געפונען זיך; דער רבי זאגט דארט: "כִּי רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן", רוב וועלט איז געכאפט נעבעך אין דעם קללה פון נאכלויפן און טראכטן א גאנצן צייט פון געלט, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם", ביז זיי שטארבן פון נאכלויפן געלט. און דער רבי פירט אויס: "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", מען קען נישט געראטעוועט ווערן פון דעם נאר דורך דעם צדיק.

ווער עס האט נאר אביסל טועם געווען דעם הייליגן רבי׳ן - דער טראכט שוין נישט פון געלט; ער לויפט נישט נאך קיין מענטשן וואס האבן געלט און זיכער רעדט ער נישט אזוי פיל פון געלט.

דער רבי האט דערציילט אין די מעשה פונעם בעל תפילה (סיפורי מעשיות, מעשה יב) אז די תאוה פון געלט איז נאך ערגער פון אלע תאוות. אזוי ווי דער גיבור האט געזאגט פארן בעל תפילה: "איך האב געהערט פונעם קעניג אז פון אלע תאוות קען מען ארויס נעמען דעם מענטש חוץ א מענטש וואס איז אריין געפאלן אין תאוות ממון", אזוי אויך האט דער בעל תפילה געזאגט: "נאך אלץ ווילט איר געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן".

מוהרא"ש זאגט (נהרי אפרסמון, עמוד תקי): וּצְרִיכִים לְשַׁנֵּן דָּבָר זֶה הַרְבֵּה מְאֹד "שֶׁעֲשִׁירִים הֵם מְשֻׁגָּעִים וּמְטֹרָפִים", מען דארף דאס שטענדיג חזר'ן, אז אלע עשירים זענען משוגעים און מטורפים, "וּמִי שֶׁחוֹנֵף אוֹתָם מַרְאֶה שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", און ווער עס חנפ׳ט זיי ווייזט אז ער האט בכלל נישט קיין אמונה.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען מקורב צום רבי׳ן, און מיר זענען פון דעם בעל תפילה׳ס לייט וואס ער חזר׳ט מיט אונז די הייליגע לויטערע אמונה אז געלט איז גאר קיין תכלית נישט, און געלט העלפט נישט און קען ניטאמאל העלפן, אדרבה, דורך געלט האט מען א מפלה.

עס איז כדאי צו פארן קיין יבניאל און גיין קוקן דעם בית המדרש וואס מוהרא"ש האט געבויט. מוהרא"ש האט געשריבן אויפן טיר פונעם בית המדרש די ווערטער: "הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אין אידיש: "דער בעל תפילה האט געזאגט: נאך אלץ ווילט איר געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר

נישט שמועסן"; ווען איך גיי קיין יבניאל גיי איך קוקן דעם טאוול, דאס ברענגט אין מיר אריין א שטארקע התעוררות, זעענדיג ווי שטארק מוהרא"ש האט געוואלט מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן, און ווי שטארק מוהרא"ש האט גענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות אן קיין חכמות און אן קיין דריידלעך.

קוק וואס דער חכם מכל אדם בעט דעם אייבערשטן (משלי ל, ז-ח): "שְׁתַּיִם שָׁאַלְתִּי מֵאִתָּךְ, אַל תִּמְנַע מִמֶּנִּי בְּטֶרֶם אָמוּת", צוויי זאכן בעט איך פון דיר אייבערשטער, וואס דו זאלסט נישט צוריק האלטן פון מיר ווי לאנג איך לעב, "רֵאשׁ וָעֹשֶׁר אַל תִּתֶּן לִי", איך וויל נישט זיין קיין עושר און נישט קיין ארימאן, "הַטְרִיפֵנִי לֶחֶם חֻקִּי", געב מיר פרנסה איך זאל מיך קענען מפרנס זיין, "פֶּן אֶשְׂבַּע וְכִחַשְׁתִּי וְאָמַרְתִּי מִי ה'", אבער געב מיר נישט קיין עשירות, ווייל אויב איך וועל האבן צופיל געלט וועל איך לייקענען אינעם אייבערשטן; זעט מען וואסערע סכנה עס איז נאכצולויפן געלט.

איך שרייב דיר דאס אלעס, ווייל עס עקלט מיר יעדעס מאל צו זען ווי ביי אונז אין היכל הקודש זאל מען שמועסן פון עשירים און רעדן פון געלט; אנשטאט זיצן אין שמועסן פון דעם עושר און פון יענעם עושר דארפן מיר רעדן פונעם אייבערשטן, וואס (דברי הימים-א כט, יב): "וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ", די גאנצע געלט און די גאנצע כבוד באלאנגט פארן אייבערשטן, "וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל", און דער אייבערשטער איז דער בעל הבית פון אלעס, "וּבְיָדְךָ כֹּחַ וּגְבוּרָה", אין זיין האנט ליגט די כח און די שטארקייט, "וּבְיָדְךָ לְגַדֵּל וּלְחַזֵּק לַכֹּל", אין זיין האנט ליגט די מעגליכקייט צו שטארקן אלעמען און צו גרויסן אלעמען; פון דעם דארפן מיר רעדן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט. נאר פון אמונה, פון הייליגן רבי'ן וואס נאר ער קען אונז ארויס נעמען פון די דמיון פון געלט, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כג): "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", מען קען נישט געראטעוועט ווערן פון דעם נאר דורכן צדיק.

געב גוטע ווערטער פאר דיין ווייב, מאך איר פריילין און זוך די גוטס אין איר, זיי נישט אזוי פארמאכט; טראכט נישט אז ווען דו וועסט האבן געלט וועסטו האבן א בעסערע שלום בית, שלמה המלך זאגט אנדערש (משלי יז, א): "טוֹב פַּת חֲרֵבָה וְשַׁלְוָה בָהּ, מִבַּיִת מָלֵא זִבְחֵי רִיב", עס איז בעסער און געשמאקער צו עסן א הארטע שטיקל ברויט מיט שלום און ליבשאפט, ווי צו עסן טייערע סעודות מיט מחלוקות אן קיין ליבשאפט.

"זיי קלוג - נישט גערעכט"; דאס איז וואס מוהרא"ש האט מיט אונז שטענדיג גע'חזר'ט. זוך נישט צו זיין גערעכט, זיך נישט צו אויפווייזן אז זי איז נישט גערעכט, זיי מקיים וואס דוד המלך זאגט (תהלים לד, טו): "בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ", זוך שלום און לויף נאך שלום.

דער צדיק לערנט אונז אז מיר זאלן ארויס גיין פון אונזער וועג צו מאכן שלום. אזוי ווי מיר געפונען אין די וואכעדיגע סדרה אז משה רבינו האט זיך פארשעמט און אראפגעלאזט, ער איז געגאנגען צו דתן און אבירם די צוויי גרויסע רשעים און אפיקורסים - נאר כדי צו מאכן שלום, אזוי ווי עס שטייט (במדבר טז, יב): "וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב", ברענגט רש"י אראפ וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קי.): "אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ, מִכָּאן שֶׁאֵין מַחְזִיקִין בְּמַחְלוֹקֶת", פון דא לערנט מען ארויס אז מען טאר נישט אנהאלטן א מחלוקת; אזוי ווי מען זעט אז משה רבינו האט זיך אראפ געלאזט צו די רשעים און פרובירט צו רעדן מיט זיי וויפיל עס איז געווען מעגליך, אבי מען זאל זיך נישט קריגן.

אז משה רבינו האט זיך אזוי אראפגעלאזט און זיך מבזה געווען אבי עס זאל זיין שלום איז דאך זיכער אז מיר פשוט'ע מענטשן דארפן זוכן ווי מען קען לעבן בשלום, און קל וחומר מיט די ווייב, וואס דער אייבערשטער זאגט (סוכה נג:): "יִמָּחֶה שְׁמִי עַל הַמַּיִם", מעקט אויס מיין נאמען כדי עס זאל זין שלום צווישן מאן און ווייב, איז דאך זיכער אז מען דארף אויס מעקן די אייגענע גאוה און כבוד צו לעבן בשלום מיט די ווייב.

איך בעט דיר מיין טייערער ליבער תלמיד ..., הייב אן לעבן מיט אמונה און הער אויף נאכלויפן געלט; טראכט נישט א גאנצן טאג פון געלט דורכדעם וועסטו ווערן פרייליך, און אז דו וועסט זיין פרייליך וועסטו פרייליך מאכן דיין ווייב.

בוי אויף דיין ווייב און מאך איר פאר א כלי; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", א פרוי ווערט איינס מיטן מאן נאר אויב ער מאכט ער פאר א כלי; ווי מוהרא"ש איז דאס מסביר, אז אויב מען בויט אויף די ווייב, מען מאכט איר פאר א גאנצע כלי, דעמאלט איז דא שלום בית, און דעמאלט רוט די שכינה אין שטוב.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ברכות ט, ח): "אִי אֶפְשַׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשָׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, וְאִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה". א מאן קען נישט זיין אן א ווייב, און א פרוי קען נישט זיין אן א מאן, אוןביידע פון זיי - דער מאן מיט זיין ווייב - קענען נישט זיין אנעם אייבערשטן.

דאס איז וואס מוהרא"ש האט מיט אונז גע'חזר'ט פופציג יאר נאכאנאנד, און דאס איז וואס תלמידי היכל הקודש חזר'ן ווייטער, אז "געלט איז גאר קיין תכלית נישט; עס איז דא איין תכלית אויף דער וועלט, נאר צו דינען דעם אייבערשטן", און אויך חזר'ן מיר ווייטער אז מען זאל נישט זוכן צו זיין גערעכט.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

### וואס טוט מען ווען מ׳כאפט א קינד ביי א גניבה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין קליין זעקס יעריג אינגל איז אהיימגעקומען פון געשעפט, איך האב באמערקט אז ער האט גע'גנב'ט א נאש פון געשעפט, איך האב אים אויסגעלערנט אז מ'טאר נישט גנב'ן און מ'דארף באצאלן, מיר זענען צוריק געגאנגען אין געשעפט און באצאלט און איבערגעבעטן דעם געשעפטס מאן.

מיין שאלה איז וואס איז די ריכטיגע צוגאנג צו אזא זאך, ווי אזוי קען מען אויסלערנען א קינד ער זאל נישט טון מער אזעלכע זאכן? דאס קינד באקומט גענוג און נאך אינדערהיים, עס פעלט אים ב"ה גארנישט, מיינט דאס אז מ'דארף אים געבן נאך מער?

יישר כח, מאיר

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת קרח, כ״ז סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מאיר נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ביסט מחנך דיינע קינדער זיך צו פירן בדרכי התורה והמצוות. דער הייליגער ר׳ נתן פלעגט זאגן: ״ביי מיר איז חשוב מחנך צו זיין מיינע קינדער אזוי ווי תיקון חצות״; ר׳ נתן זכרונו לברכה האט געוואלט גיין שלאפן פרי צו קענען אויפשטיין זאגן תיקון חצות, אבער אזוי ווי ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער, פלעגט ערווארטן זיי זאלן אהיים קומען פון חדר, וואס דעמאלט פלעגט ער זיי מחנך זיין צו מאכן ברכות, ליינען קריאת שמע און אנגרייטן נעגל וואסער, און דאס האט אים געשטערט פון גיין שלאפן פרי, האט ער געזאגט אז דאס איז ביי אים אזוי חשוב פונקט ווי די עבודה פון זאגן חצות.

דו האסט זייער גוט געטון אז דו ביסט צוריק געגאנגען מיט דיין קינד צום געשעפט און אים געהייסן איבער בעטן דעם געשעפטס-מאן, אזוי האסטו אים אויסגעלערנט אז מען טאר נישט גנב׳נען; דאס איז דער וועג ווי אזוי מען איז מחנך קינדער, איין מאל און נאכאמאל און נאכמאמאל, ביז עס גייט אריין אין זייערע הערצער.

ווען מען כאפט א קינד גנב׳נען דארף מען אים מחנך זיין ער זאל וויסן אז מען טאר נישט גנב׳נען; ווען מען מוסר׳ט דעם קינד טאר מען אים נישט פארשעמען, נאר מען דארף דאס טון פריוואט - טאטע מאמע מיטן קינד. מען נעמט אים אריין אין א פריוואטע צימער און דארט רעדט מען מיט אים, אבער אויב מען מוסר׳ט אים ברבים צווישן די געשוויסטער קען ער ווערן פארשעמט, דעמאלט טוט מען גארנישט אויף וכו׳, מען מאכט נאר מער קאליע.

עלטערן דארפן פארגיסן טייכן טרערן צום אייבערשטן אויף ערליכע קינדער; הער א ווארט פון הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו, מען האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו אזעלכע גוטע קינדער, האט דער הייליגער חתם סופר זי״ע געענטפערט: ״יעדע נאכט בשעת איך האב געזאגט תיקון חצות האב איך אנגעפילט א כוס מיט טרערן, אזוי האב איך געבעטן פאר גוטע קינדער״; דאס איז די וועג ווי אזוי מען איז זוכה צו ערליכע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך התורה והמצוות.

...

~~~~~~~~~~

### ווי אזוי קען איך מאכן זיכער זיך צו האלטן צו מיינע קבלות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב אסאך מאל אז איך נעם זיך אונטער א גוטע קבלה, ווי למשל צו לערנען משניות יעדן טאג, צו היטן די אויגן אדער די מחשבה, און דאס גלייכן פארשידענע גוטע קבלות. למעשה ווען עס גייט אבער אריבער א שטיק צייט ווער איך שוואך אין דעם, איך קען זיך נישט האלטן ווייטער צו די קבלה.

ווי אזוי קען איך מאכן אז איך זאל זיך האלטן שטארק מיט א גוטע קבלה, און נישט צוריק פאלן?

א גרויסן יישר כח, אהרן

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת קרח, א׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

דער רבי פארענטפערט די קשיא וואס דו פרעגסט; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווען א מענטש פאלט אראפ אין עבודת השם, ער פאלט צוריק צו זיינע פריערדיגע מעשים זאל ער וויסן אז פון הימל האט מען אים אוועק געשטופט, כדי ער זאל אנהייבן פון דאסניי מיט א פרישקייט דינען דעם אייבערשטן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", די עצה פאר אים איז ער זאל מאכן א פרישע קבלה, ער זאל פון פריש אנהייבן דינען דעם אייבערשטן כאילו ער האט נאך קיינמאל נישט פרובירט פארדעם, נאר דאס איז די ערשטע מאל וואס ער הייבט אן דינען דעם אייבערשטן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", ווייל דאס איז א וויכטיגער כלל אין עבודת השם, אז מען זאל זיך אלץ באנייען, מען זאל אנהייבן פון פריש דינען דעם אייבערשטן; א מענטש טאר נישט קוקן אויף גארנישט, ער זאל אנגיין אפילו ער האלט אין איין צוריק פאלן, אזוי וועט ער מצליח זיין.

איך בעט דיר, זיי נישט צעבראכן פון דעם וואס דו זעסט אז עס גייט אריבער אסאך צייט און דו מוטשעסט זיך און דו קומסט נישט אן וכו' וכו', ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אזוי גייט עס ווען מען וויל ווערן אן ערליכער איד, מען שפירט ווי קיינער דארף דיך נישט, מען האט שטארקע ראיות אז מען דערווייטערט אים; אבער דער רבי זאגט: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דאס איז נאר א וועג ווי אזוי מען וויל דערנענטערן דעם מענטש צום אייבערשטן, און אויב דער מענטש איז שטארק ביי זיך און ער דערהאלט זיך, דאן וועט ער אלעס אריבער גיין און ער וועט זוכה זיין צו אלע מדריגות וואס עס איז נאר פאראנען.

דאס איז דיין שיינקייט און דאס האט דער אייבערשטער ליב, צו זען ווי א איד וואס עס קאכט אין אים אלע שמוץ און נארישקייטן, דאך דערהאלט ער זיך און ער קומט נאכאמאל צוריק, ער בעט דעם אייבערשטן און ער וויינט זיך אויס: **"רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד, האב אויף מיר רחמנות וכו' וכו'"**; דאס קען אפילו א מלאך נישט באווייזן.

ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי זאלסטו מאכן יעדן טאג א פרישע קבלה; זאג פארן אייבערשטן: "היינט גיי איך אפלאזן אלע נארישקייטן, היינט הייב איך אן דיר צו

דינען, היינט גיי איך זיין אן ערליכער איד"; קוק נישט אויף דעם וואס דער יצר הרעווארפט דיר אראפ און געב נישט אויף ווען דו זעסט אז דיינע קבלות האלטן נישט אן.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הָרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אין דעם זענען זיך די ערליכע אידן טועה, ווען זיי זען ווי זיי פרובירן צו זיין גוט און ערליך, און פלוצלינג פאלט מען אראפ אין א ירידה, עס דאכט זיך זיי אז זיי זענען אראפגעפאלן, זאגט דער רבי - "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אז באמת איז דאס נישט קיין נפילה, דאס איז נאר א דמיון וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אינעם מענטש ווען ער איז מצליח און ער קען שוין גיין ווייטער אין די קדושה, דעמאלט מאכט ער אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת, ספיקות און מניעות וכו', אבער מען טאר נישט קוקן אויף דעם נאר ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## וואס מיינט דער "נקודת החבר"?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין ב"ה מקורב געווארן צו ברסלב, איך וויל זיין א ברסלב'ער חסיד, מיין שאלה איז וואס דאס מיינט דער "נקודת החבר" פון וואס דער רבי רעדט אין תורה ל"ד, דער רב וואס האט מיר מקרב געווען צו ברסלב, איז ער מיין "נקודת החבר"? אדער איז ער מיין רבי און איך דארף זיך מבטל זיין צו אים?

איך האף איר וועט מיר דאס קענען אויסקלארן, יישר כח

אריאל

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת קרח, א' דראש חודש תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אריאל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", איך וועל מאכן פון ענק כיתות כיתות; אלע אנשי שלומינו זענען טייערע אידן, כולם אהבים כולם ברורים. מען דארף נאר געדענקען וואס דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סא): עס זענען דא מנהיגים וואס קענען זיך אליינס נישט פירן, ווי אזו קענען זיי פירן אנדערע מענטשן? אויך דארף מען געדענקען וואס דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; א מענטש דארף זייער אכטונג געבן ער זאל זיך נישט אפנארן.

דערפאר דארף א מענטש אויפזוכן ביי אנשי שלומינו איינער וואס קען אים מחזק זיין צו פאלגן דעם רבינ'ס עצות בתמימות ובפשיטות; סיי די עצה פון התבודדות און סיי די עצה פון לערנען אויפן 'סדר דרך הלימוד' (עיין שיחות הר"ן, סימן עו), ווייל נאר דאס בלייבט איבער פונעם מענטש; 'אט איז מען א קינד, אט איז מען א בחור, אט איז מען א אינגערמאן, און אט פירט מען שוין צום אייביגן ארט', אינעם אייביגן ארט נעמט מען נישט מיט קיין געלט, דארט נעמט מען מיט נאר תורה תפילה ומעשים טובים אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ו, ט): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד".

התחזקות קען מען נעמען פון יעדן איינעם; דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, 'יְהֶיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה' בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ. "אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", ער האט געהערט פון א אמת'ן צדיק אז אויב וואלט ער געהאט איינעם וואס זאל אים זאגן: "ברודער שטארק דיר און דערהאלט זיך" -וואלט ער זוכה געווען צו טון אסאך מער אין עבודת השם; ווייל אויף אים איז אויך אריבער שווערע ביטערע נסיונות, ער האט אויך געשפירט ביי זיך ווי קיינער דארף אים נישט, אבער קיינער האט אים נישט געגעבן קיין שום חיזוק ווערטער; דאס מיינט נקודת החבר, מען איז זיך מחזק איינער מיטן צווייטן, אבער זיך מבטל זיין דארף מען נאר צום אייבערשטן און צו די הייליגע תורה.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט אפנארן און מען זאל נישט נאכלויפן א מענטש וואס קען זיך אליינס נישט העלפן; מוהרא"ש שרייבט אין זיין צוואה (אות טו) וואס איז דער סימן פון אן אמת'ער מנהיג אדער א פאלשער מנהיג: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֶלֶק ב', סִימָן עב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַאן פַּאלְט

אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַּאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַּאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִיק", עיין שם.

אז דו טרעפסט איינער וואס איז דיר מחזק אויף התבודדות און אויף לימוד התורה זאלסטו אים נישט אפלאזן, נאר געב אכטונג מען זאל דיר נישט אפנארן, דאן וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

### וואס טו איך אז מיין ווייב קען נישט אננעמען א קאמפלימענט?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם דארף איך זיך באדאנקען אויף אייערע דרשות, דאס האט מיר ממש געטוישט מיין לעבן, איך רעד מער צום אייבערשטן, איך קוק אנדערש אויף מיין ווייב און קינדער און אויף אנדערע מענטשן, און אזוי ווייטער האט מיר דאס גאר אסאך געהאלפן ברוך ה'.

איר זאגט אסאך ביי די דרשות אז מ'זאל געבן גוטע ווערטער פאר די ווייב, וואס קען איך אבער טון אז מיין ווייב נעמט עס נישט אן, זי זאגט אז זי פילט נישט אז ס'איז אמת'דיג, זי פילט נישט קיין ליבשאפט אין דעם.

אויך ביי אנדערע זאכן אינדערהיים האט זי נישט קיין געפיל, זי טוט מיר א גאנצע טובה וכו', עס אינטערעסירט איר נישט צו שטארק וכו', און דאס מאכט מיר זייער שווער, איך דארף ארויסגיין ארבעטן אויפ'ן גאס, און ווען מ'ווערט נישט זאט אינדערהיים, האט מען פילפאכיג מער נסיונות אויפ'ן גאס.

איך האב שוין אזויפיל מתפלל געווען אויף דעם, איך זע אבער נאכנישט קיין שינוי לטובה, איך ווער זייער צעבראכן און מיואש פון דעם. איך בין שוין געווען ביי אסאך מענטשן נאך הילף, אפשר אויף א שטיקל
~~~~~~~~~~~

צייט איז עס בעסער געווארן, אבער נאכדעם איז עס צוריק געפאלן, אפשר וועט דער ראש ישיבה שליט"א מיר קענען געבן אן עצה און חיזוק אויף דעם.

שמואל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת קרח, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד שמואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחי׳ ומחזק מיטן הייליגן רבינ׳ס ווערטער; אז מען נעמט אן דעם רבינ׳ס עצות עפענט זיך אויף פארן מענטש א נייע וועלט, מען הייבט אן לעבן נאך בזה העולם א לעבן פון ׳גן עדן׳, מען שפירט ווי דער אייבערשטער איז דא.

דער הייליגער רבי וועקט אויף דעם מענטש פון שלאף; ווען מען קומט צום רבי׳ן ווערט מקוים דעם פסוק (בראשית כח, טז): ״וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ״, דער איד וועקט זיך אויף פון זיין שלאף, ״וַיֹּאמֶר״, און ער זאגט ״אָכֵן״, עס איז אמת ״יֵשׁ ה׳״, דער אייבערשטער איז דא, ״בַּמָּקוֹם הַזֶּה״, אויף דעם ארט, ״וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי״, און איך האב נישט געוואוסט; פאר מען הערט פון רבי׳ן ווייסט מען נישט אז דער אייבערשטער געפינט זיך מיט מיר, ביי מיר און נעבן מיר, עס איז אזוי ווי מען שלאפט א טיפער שלאף.

א איד האט דערציילט (עיין ספר פרנסה טובה שיחות והתחזקות, סימן מא) אז ער האט געדארפט אמאל א טובה פון מוהרא״ש, איז ער געגאנגען צו די תלמוד תורה וואו מוהרא״ש איז געווען איינגעשטעלט, מוהרא״ש איז דעמאלט געווען א מלמד, און ער איז אנגעקומען ווען מוהרא״ש האט געהאלטן אינמיטן פארלערנען חומש פרשת ויצא, מען האט געהאלטן ביי דעם פסוק (בראשית כח, טז): ״וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ״, איז דער איד געבליבן שטיין אינדרויסן פון כתה, ער האט אריין געקוקט און זיך צוגעהערט ווי אזוי מוהרא״ש לערנט פאר דעם פסוק פאר די קינדער: ״וַיִּיקַץ יַעֲקֹב״, יעקב האט זיך אויפגעוועקט, ״מִשְּׁנָתוֹ״, פון זיין שלאף, ״וַיֹּאמֶר״, און ער האט געזאגט ״אָכֵן״, עס איז אמת, ״יֵשׁ ה׳״, דער אייבערשטער איז דא - און מוהרא״ש האט געוויזן מיט די פינגער אויף די כתה - ״בַּמָּקוֹם הַזֶּה״, אויף דעם ארט, ״וְאָנֹכִי״, און איך - און מוהרא״ש האט געוויזן אויף זיך - ״לֹא יָדָעְתִּי״, האב נישט געוואוסט. מוהרא״ש האט דאס איבער גע׳חזר׳ט עטליכע מאל; האט דער איד דערציילט אז ער האט ממש געשפירט ווי ער געפינט זיך אין ׳גן

עדן׳, ער האט געהאט אזא התעוררות פון דעם, ער האט געשפירט ווי דער פסוק מיינט אים אליין, ווי ער וועקט זיך אויף און טראכט צו זיך: ׳איך האב נישט געכאפט אז דער אייבערשטער איז דא, נעבן מיר, איך קען דאך רעדן צו אים׳.

בנוגע געבן גוטע ווערטער פאר די ווייב; קודם כל נישט איך זאג אז מען דארף געבן גוטע ווערטער אין שטוב, נאר דער רבי זאגט דאס. דער רבי האט אונז זייער אנגעזאגט מיר זאלן מכבד זיין און האלטן טייער די ווייב (עיין שיחות הר״ן, סימן רסד), ווייל זיי ליידן פון די קינדער זייער אסאך צער און עגמת נפש. צער העיבור, והלידה, והגידול וכו׳ וכו׳; נאך זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סט) אז די גאנצע עשירות קומט בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב; און בכלל איז שלום בית געווען א יסוד היסודות ביים רבי׳ן.

עס זענען דא מענטשן וואס ווייסן נישט ווי אזוי מען נעמט ליבשאפט; צום ביישפיל ווען מען געבט זיי א גוטווארט ווארפן זיי דאס אוועק וכו׳ וכו׳, ווער רעדט נאך פון געבן גוטע ווערטער - דאס קענען זיי זיכער נישט. דאס קומט על פי רוב ווייל זיי האב דאס נישט באקומען אין די יונגע יארן, מען האט זיי נישט געגעבן גוטע ווערטער וכו׳; דאס מאכט זיך אמאל ביי די פרוי און מאל ביי דעם מאן, און פון דעם ווערט א שלום בית פראבלעם.

אבער אנשטאט ווערן בכעס אויפן צווייטן, אז יענער וויל נישט נעמען קיין ליבשאפט און זיכער נישט געבן וכו׳, דארף מען דאס אנקוקן מיט א רחמנות׳דיגע בליק, אז זיי האבן דאס נישט באקומען פון קינדווייז אן; זיי זענען אריבער שווערע קינדער יארן, דעריבער קענען זיי נישט נעמען גוטע ווערטער און זיכער נישט געבן.

וואס איז די עצה? חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין כב:): ״אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי״; מוהרא״ש זכרונו לברכה איז דאס זייער שיין מסביר, אז א פרוי ווערט איינס מיט איר מאן נאר אויב דער מאן מאכט איר פאר א כלי, ער בויט איר אויף, ער דערהייבט איר און ער שטארקט איר, דעמאלט ווערט זי איינס מיט איר מאן. אבער אויב דער מאן האט נישט קיין שכל, ער דערנידערט איר און ער צעברעכט איר ביז זי ווערט א שברי כלי, דעמאלט וועט קיינמאל נישט זיין צווישן זיי קיין שלום בית, זי וועט קיינמאל נישט ווערן איינס מיט איר מאן.

זייער אסאך מאל האט מען חתונה מיט א פרוי א שברי כלי; אלס מיידל האט מען איר אלץ נאר צעבראכן און אראפגעקלאפט, און דאס קלאפט אויס שפעטער ווען מען האט חתונה, דעריבער דארף דער מאן מאכן פון די ׳שברי כלי׳ א ׳כלי׳; כסדר איר אויסרימען און אויסלויבן. אודאי וועט זי זיך ווייטער אראפ קלאפן: ״איך בין נישט

גוט״; ״איך בין נישט קיין ווייב״; ״איך האב רחמנות אויף דיר אז דו האסט חתונה געהאט מיט מיר״; ״מיינע געשוויסטער זענען אלע מער געלונגען ווי מיר״, וכדומה לזה; מיט דעם אלעם טאר מען זיך נישט דערשרעקן, נאר מען דארף ווייטער רעדן שיין און האלטן אין איין חזר׳ן: ״ביי מיר ביסטו זייער גוט״; ״ביי מיר ביסטו מיין קרוין״; ״ביי מיר ביסטו דאס חשוב׳סטע״; ביז מען מאכט איר פאר א גאנצע כלי.

מען טאר נישט ווערן באליידיגט וכו׳ ווען מען געבט ליבשאפט וכו׳ און די ווייבווארפט עס צוריק, און זיכער נישט טראכטן אז זי דארף נישט וכו׳; עס איז איר פשוט שווער דאס צו נעמען, זי ווייסט נישט ווי אזוי מען עסט א קאמפלימענט. פרוביר צו גיין שטייטערהייט, האב סבלנות צו איר, דורכדעם וועסטו אנקומען גאר ווייט, אזוי ווי דער מאמר החכם לויטעט: ״הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה, לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַחְבֻּלָּה״, געדולד איז די וועג פאר ווער עס האט נישט קיין וועג; מיט סבלנות קומט מען אן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

### מעג מען לערנען פאר׳חלומ׳ט? נוצן גרעיפ דזשוס פאר קידוש? זיך צוריקהאלטן פון ברכת המזון?

**תשובה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים און בריוון וואס זענען מיר זיך זייער מחיה.

איך האב געוואלט פרעגן עטליכע זאכן. איינס אז איך האב געזען אז דער של"ה הקדוש שרייבט (בתורה אור במסכת שבועות אות קע"ז) אז ס'איז דא א גרויסער ענין צו זאגן די ווערטער פון תורה אפילו מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט, ער לייגט אבער צו אז מ'דארף אבער יא האלטן קאפ און אינזין האבן אז מ'לערנט יעצט תורה, ווייל אויב מ'איז אינגאנצן פאר'חלומ'ט און מ'כאפט אפילו נישט אז מ'לערנט יעצט, איז עס גארנישט ווערד. מיין שאלה איז אז ווען איך זאג תורה איז יא דא אמאל וואס איך ווער אינגאנצן פאר'חלומ'ט, איז דאס עפעס ווערד? איך פארשטיי אז ס'איז זיכער בעסער ווי צו פארברענגען די צייט, די שאלה איז אבער אויב מ'זאל אנשטאט דעם ענדערש טון עפעס אן אנדערע מצוה.

צווייטנס, דער רבי שרייבט אין ספר המדות, "מי שאינו יכול ללמוד מחמת מניעות יפרוש ממשקה המשכר", אויך געדענק איך אז דער רבי האט נישט געהאלטן פון טרונקען ווין נאר צו קידוש און הבדלה, איז מיין שאלה אויב היינט אז ס'איז שוין דא גרעיפ דזשוס זאל מען אויך ביי קידוש און הבדלה נוצן נאר גרעיפ דזשוס, אדער זאל מען דעמאלט יא דוקא נוצן וויין?
~~~~~~~~~~

דריטנס, ס'שטייט אין שלחן ערוך אז היינטיגע צייטן דאווענט מען נישט קיין תפלת נדבה, ווייל מען האט נישט אינזין. איז מיין שאלה צי דאס מיינט אז מ'דארף פרובירן זיך ארויסצודרייען פון דאווענען ווען מ'קען, ווייל מ'וועט דאך נישט אינזין האבן. דאס קען אויסקומען ביים בענטשן ברכת המזון, אויב מ'זאל ענדערש זיך נישט וואשן צו ברויט ביי פת שחרית, און אזוי וועט מען נישט דארפן בענטשן, און אויך לגבי מלוה מלכה און סעודת ראש חודש, צי מ'זאל פרובירן עס יוצא צו זיין מיט עפעס וואס מען איז נישט מחויב צו בענטשן נאכדעם.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

עקיבא

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד עקיבא נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

זע צו לערנען אויפן ״סדר דרך הלימוד״ פון הייליגן רבי׳ן און לייג אוועק אלע דיינע ספיקות און קשיות; אז מען פאלגט דעם רבי׳ן און מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד וואס ער האט אונז געגעבן (עיין שיחות הר״ן, סימן עו) דאן איז מען זוכה צו גאר שיינע זאכן. מען הייבט אן פארשטיין דאס לערנען און מען קומט אן צו לערנען זייער אסאך, אויך איז מען זוכה צו באקומען ישוב הדעת.

בנוגע טרינקן וויין; דער הייליגער רבי האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל נישט טרינקען קיין משקה המשכר, בלויז פאר קידוש און הבדלה מעג מען. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כו): ״צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת; ווייל אז מען טרינקט זיך אן און מען ווערט שיכור זאגט דער רבי: ״יוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ׳ חַס וְשָׁלוֹם״, קען מען צוקומען צו שלעכטס.

אין ספר המדות האט דער רבי א גאנצע ערך פון די הארבקייט און עקלדיגקייט פון א שיכור; דער רבי זאגט דארט (אות שכרות, סימן ד): ״הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר״, דער אייבערשטער האט ליב ווער עס טרינקט נישט; נאך זאגט דער רבי (שם, סימן ג): ״אִי אֶפְשָׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה״, עס איז נישט מעגליך עס זאל נישט ארויס קומען שלעכטס ווען מען שיכור׳ט זיך אן; דערפאר זאלסטו זייער אכטונג געבן נישט צו טרינקען א גאנץ יאר קיין משקה המשכר.

בנוגע עסן פת שחרית וכו׳; אנשי שלומינו זענען זייער מקפיד צו עסן פת שחרית גלייך נאכן דאווענען, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות כעס, סימן יז): ״סְגֻלָּה לְכַעַס -

שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", פת שחרית איז מסוגל מען זאל נישט קומען צו כעס; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות לימוד, סימן מח): "עַל-יְדֵי פַּת שַׁחֲרִית תַּלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד", פת שחרית איז מסוגל מען זאל קענען לערנען, געדענקען דאס לערנען און אויך צו האבן הצלחה מיטן פארלערנען פאר תלמידים.

ביי אנשי שלומינו איז מען מקיים יעדעס ווארט פון רבי'ן בתמימות ופשיטות, אן קיין חכמות; אזוי אויך איז מען מקפיד אויף יעדן סעיף אין שלחן ערוך. מען וואשט זיך צו מלוה מלכה, אזוי ווי דער מחבר פסק'נט (שלחן ערוך אורח חיים, סימן ש): "לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שֻׁלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי לְלַוּוֹת אֶת הַשַּׁבָּת, אֲפִלּוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת", אזוי אויך אום ראש חודש וואשט מען זיך צו א סעודה, אזוי ווי דער מחבר פסק'נט (שם, סימן תיט): "מִצְוָה לְהַרְבּוֹת בִּסְעֻדַּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ"; מען בענטשט אין א סידור דיקא, כדי מען זאל נישט אויסלאזן קיין ווערטער, און מוהרא"ש זאגט אז בענטשן אין א סידור איז א סגולה פאר עשירות.

לייג אוועק אלע דיינע חכמות, מען האט גארנישט פון חכמות נאר קאפ ווייטאג, און פאר אידישקייט קומט דאס בכלל נישט צוניץ; קוק וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יב): "עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דאס עיקר אידישקייט איז ווען א מענטש פירט זיך ווי א פשוט'ער איד, מיט תמימות און פשיטות. און ר' נתן שרייבט מורא'דיגע ווערטער (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דער רבי האט זייער ליב געהאט די פשוט'ע עבודות, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פון פשוט'ע ערליכע אידן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", און דער רבי האט זייער ליב געהאט די וואס זאגן אלע תחינות און בקשות וואס זענען געדרוקט אין די גרויסע סידורים, אזוי ווי די פשוט'ע מענטשן פירן זיך. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דער רבי פלעגט אונז זייער אנזאגן און אנווארענען אז מיר זאלן זינגען זמירות אום שבת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", און דער רבי פלעגט זייער מקפיד זיין אויף די מענטשן וואס האלטן זיך פאר חכמים און זינגען נישט קיין זמירות שבת ביי די סעודות און מוצאי שבת ביי מלוה מלכה, און אנדערע פשוט'ע עבודות. "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", ווייל דער עיקר אידישקייט איז זיך פירן פשוט אן קיין חכמות - ווי א פשוט'ער איד.

שרייבט ווייטער ר' נתן: "וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת", דער רבי פלעגט זינגען זיין גאנץ לעבן זייער אסאך זמירות יעדן שבת און יעדן מוצאי שבת.

דער חכם מכל אדם זאגט (משלי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", ווער עס גייט בתמימות, דער גייט אויף א זיכערע וועג.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**איך בין זייער דעפרעסט, און איך שטיי אויף שפעט, האט איר אן עצה?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור, און איך מוטשע זיך זייער מיט'ן אויפשטיין צופרי אין צייט, און דאס שטערט מיר זייער שטארק אין לעבן, אויך לייד איך שטארק אויף דעפרעסיע, און ס'קען זיין אז די צוויי פראבלעמען זענען פארבינדען איינס מיט'ן אנדערן.

איך האב שוין געמאכט אסאך תפלות אויף דעם, און איך וועל ווייטער מאכן, איך האב אבער אסאך פחדים פון דעם, איך האב מורא אז דאס וועט מיר שאטן נאך די חתונה, און איך וועל זיך מוזן גט'ן צוליב דעם חס ושלום.

איך ווייס דער ראש ישיבה האלט נישט פון טערעפי, דעריבער וויל איך וויסן אויב דער ראש ישיבה האט פאר מיר אן אנדערע עצה.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פריילך, און זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין דעפרעסט. ווייל אלע מחלות און אלע קרענק
~~~~~~~~~~~

קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פריילין. און דער רבי זאגט דארט ווייטער: "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֲלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אפילו די דאקטורים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דיפרעסיע און פון זיין נישט פריילין.

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר און זיי פריילין; דאנק דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר און וועט נאך טון מיט דיר.

עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד מיטן נאמען ר' אהרן קובליטשער זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א פריילינער איד און איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל, אפילו ער איז געווען א עני ואביון, אז עס איז ממש נישט געווען וואס אריין צו נעמען אין מויל ביי אים אין שטוב. זיין ווייב פלעגט אים כסדר פרעגן: "אהרן, פארוואס ביסטו פריילין, מיר האבן דאך גארנישט?!" פלעגט ער איר שטענדיג ענטפערן: "דו גלייבסט אז עס וועט נאך זיין גוט אמאל? נו, איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט; יעצט טאקע האבן מיר גארנישט, אבער עס וועט נאך גוט זיין, און דעמאלט וועלן מיר האבן מיט וואס זיך צו פרייען, דערפאר בארג איך שוין אויס אביסל פון די שמחה פון דעמאלט".

עס איז פארהאן זייער א גוטע עצה פאר אלע וואס קענען נישט אויפשטיין צייטלין; מוהרא"ש זכרונו לברכה שרייבט דאס כסדר אין 'אשר בנחל' פאר בחורים און אינגעלייט וואס קענען נישט אויפשטיין צייטלין און זיי שלאפן אריין ביז טיף אין טאג אריין; די עצה איז "גיין שלאפן צייטלין". די עצה קאסט נישט גיין געלט און עס איז בדוק ומנוסה - אז מען לייגט זיך שלאפן צייטלין שטייט מען אויף צייטלין, ווידעראום אז מען איז אויף ביז שפעט אויף דער נאכט שטייט מען אויף שפעט.

געווענלין האבן בחורים זייער ליב אויף צו זיין שפעט אויף דער נאכט; מען פארברענגט די צייט, מען זיצט און מען פלוישט שעות אויף שעות דברים של מה בכך. נאכדעם גייט מען שלאפן מידערהייט אן קיין ליינען קריאת שמע און אן קיין נעגל וואסער, מען פאלט אריין אין בעט אן יראת שמים. דאס איז אלעס מעשה שטן, ער ארבעט זייער שטארק אז מען זאל האבן א פארדרייטע סדר - שלאפן בייטאג און אויף זיין ביינאכט אזוי האט ער שוין נאכדעם צוגרינד געלייגט דעם גאנצן טאג. א ווואילער בחור מאכט זיך א סדר, ער גייט שלאפן פרי און ער ליינט קריאת שמע פאר ער לייגט זיך שלאפן.

נאך אן עצה איז דא פאר דיפרעשן: "לימוד התורה"; ווען מען לערנט תורה ווערט מען פריילין. דער רבי האט אונז געגעבן א גרינגע זיסע וועג ווי אזוי מיר קענען זוכה

**זיין צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה** (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו)**, אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די הייליגע ווערטער פון די תורה. פאלג דעם רבי'ן און הייב אן לערנען משניות; זאג א פרק נאך א פרק. אין אנהייב וועסטו נישט פארשטיין וואס דו לערנסט, ווייל ווען א מענטש איז דיפרעסט האט ער נישט דעם כח פון זיך קאנצעטרירן און פארשטיין וכו', ווער רעדט נאך ווען א מענטש איז פוגם בברית, ער איז אריין געפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע און איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן, דער מענטש פארלירט אינגאנצן זיין מח. מיט דעם אלעם זאלסטו זאגן די ווערטער פון די תורה ביז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן דו וועסט ארויס גיין פון די הענט פון יצר הרע.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי ערקלערט מען פאר קינדער די גמרא "ננעלו שערי תפלה"?**

**שאלה:**

לכבוד מורי ורבי דער ראש ישיבה שליט"א,

איך רוף אייך מורי ורבי, כאטש וואס איך האב קיינמאל נישט געלערנט ביי אייך און איר קענט מיר אפילו נישט, זאלט איר אבער וויסן אז איר רעדט טאקע צו די בחורים אין ניו יארק, אבער אייער השפעה קומט אן איבער די גאנצע וועלט. די דרשות, בריוון, חיזוק יומי, האט געטוישט מיין גאנצע וועלט, מיין גאנצע שטוב איז געווארן איין שטיק אמונה אין אייער זכות. אויסער די שלום בית, לימוד התורה, און נאך פילע עצות וואס האט מיר אזויפיל געהאלפן.

איך בין א מלמד, און איך האב פארגעלערנט פאר די קינדער די גמרא אין מסכת ברכות, אז פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז פארשפארט געווארן די טויערן פון תפלה, אבער די טויערן פון טרערן איז יא געבליבן אפן. די גמרא איז מיר זייער שווער געווען, ווי אזוי קען מען זאגן אז ווען א איד דאווענט צום אייבערשטן זענען די טויערן צוגעשפארט פאר אים? אויב בעט ער נישט מיט טרערן וועלן זיינע תפלות נישט אנקומען צום אייבערשטן? איך וועל אייך זייער מכיר טובה זיין אויב איר וועט מיר דאס קענען קלאר שטעלן.

אגב, דער אינגערמאן וואס האט מיר געוויזן דעם ערשטן מאל א דרשה פון אייך, איז א מתנגד פון ברסלב. ער האט מיר דאס געוויזן אויף צו מאכן ליצנות דערפון, און ער האט גארנישט געכאפט אז איך וועל אנהויבן אויסהערן די שיעורים בקביעות, און דאס וועט מיר אזויפיל העלפן אין לעבן...

בהוקרה ובברכה

שלמה

**תשובה:**
~~~~~~~~~~

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד המלמד שלמה נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

וואויל איז דיין חלק אז דו האסט די זכיה צו זיין א מלמד; עס נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי א מלמד וואס לערנט תורה ויראת שמים מיט אידישע קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא ח:): אויפן פסוק (דניאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", איינער וואס לערנט תורה מיט אידישע קינדער איז צוגעגליכן צו די שטערנס וואס באלייכטן די וועלט; מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דאס זייער שיין מסביר, אז פונקט ווי מען קען נישט ציילן די שטערנס פון דער וועלט, אזוי אויך קען מען נישט ציילן די זכותים פון א מלמד. א מלמד פלאנצט איין אין די קינדער תורה, יראת שמים און אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן, און שפעטער ווען די קינדער וואקסן אויף און טוען גוטע זאכן גייט אלעס אויפן חשבון פונעם מלמד.

דאס וואס דו פרעגסט אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לב.): "וְאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה", פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן זענען פארמאכט די טויערן פון תפילה; וויסן זאלסטו אז עס איז דא אסאך שיטות אין חז"ל, אין די מדרשים זענען דא כמה דרכים - איינער זאגט אזוי און דער אנדערער זאגט אזוי, אבער אויף יעדע זאך איז דא א פשט. חכמינו הקדושים זאגן (פסחים פה:): "אֲפִילּוּ מְחִיצָה שֶׁל בַּרְזֶל אֵינָהּ מַפְסֶקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אפילו א אייזערנע וואנט איז נישט מפסיק צווישן אונז אידן מיטן אייבערשטן, נאך זאגן חז"ל (ויקרא רבה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד", דוד המלך האט געבעטן דעם אייבערשטן פאר אונזערע דורות ווען מיר וועלן זיין אין גלות, אן קיין קעניג, אן קיין נביא, אן קיין כהן גדול און אן קיין אורים ותומים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רבונו של עולם נעם אן זייערע תפילות.

מיר ווייסן נאר וואס צדיקים האבן אונז געזאגט - בפרט דער הייליגער רבי - אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן און זיך מתבודד זיין יעדן טאג. דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן כה; ק) אז ער האט געהערט פון אסאך צדיקים, אז זיי אלע זענען צוגעקומען צו זייערע מדריגות נאר דורך תפילה והתבודדות, ווייל מען קען נישט זיין קיין ערליכער איד אן תפילה והתבודדות; ווען דער רבי האט דאס געזאגט זענען דארט

געשטאנען אנשי שלומינו און זיי האבן אנגעפאנגען אויסרעכענען נעמען פון צדיקים, האט דער רבי געזאגט אויף יעדן נאמען וואס זיי האבן אויסגערעכנט אז אלע פון זיי האבן אים בפירוש געזאגט אז זיי זענען צוגעקומען צו זייערע מדריגות נאר דורך תפילה והתבודדות, דורך אסאך רעדן צום אייבערשטן.

עס איז נישט געווען קיין שמועס ביים רבי'ן וואס דער רבי זאל נישט רעדן צו אונז פון תפילה, אונז מחזק זיין אז מיט תפילה ווערט מען נאנט צום אייבערשטן און אז דורך תפילה קען מען געהאלפן ווערן, נישט קיין חילוק ווער עס זאל נאר זיין, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא וירא, א): "הֱוֵוּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת", דער אייבערשטער זאגט פאר די אידן, זייט נזהר אין תפילה ווייל דאס איז די שענסטע זאך, און דאס איז ביי מיר חשוב'ער פון אלע קרבנות, "וַאֲפִלּוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים, אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", און אפילו א מענטש וואס איז נישט ראוי מען זאל אים העלפן און טון מיט אים חסדים, אויב ער דאווענט און בעט מיר - וועל איך אים העלפן.

פארצייל פאר די קינדער מעשיות איבער דאס גרויסקייט פון תפילה, פארצייל זיי וואס חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (מדרש דברים רבה ב, טז): עס איז געווען אמאל א שטורם ווינט אויפן וואסער, און א שיף איז פארבלאנדשעט געווארן און אנגעקומען צו א ווייטע שטאט, אויפן שיף האבן זיך געפונען איין איד מיט אסאך גוים, ווען דער שיף איז אנגעקומען צו די פרעמדע מדינה זענען אלע גוים צוגעקומען בעטן פון דעם איד ער זאל זיי גיין קויפן עסן, האט דער איד זיי צוריק געפרעגט מיט וואונדער: "איך בין דען באקאנט דא, אז איר אלע קומט מיר בעטן איך זאל קויפן עסן?" האבן די גוים געשריגן צו דעם איד און געזאגט: "א איד איז קיינמאל נישט אליין, א איד האט אייביג דעם אייבערשטן מיט זיך", פירט דער מדרש אויס: "הֲוֵי אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו (דברים ד, ז)".

פאר די קינדער זאלסטו מסביר זיין וואס די ראשונים זאגן פשט אין דעם (עיין במאירי בבא מציעא נט), אז דאס מיינט נישט צו זאגן אז דער אייבערשטער הערט נישט אויס די תפילות פון אונז אידן, עס איז נאר אנדערש היינט ווי אין די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, אז היינט דארף מען קלאפן אויפן טיר אז די תפילות זאלן ארויפגיין, מה שאין כן ווען מען וויינט דעמאלט האט דער אייבערשטער גלייך רחמנות אפילו היינט אויך, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (שמות יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְּעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה, וּבִצְלוֹתָא דְּצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְּאוֹשִׁיד דִּמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְּלֵית לָךְ תַּרְעָא, דְּלָא עָאלִין אִינּוּן דִּמְעִין", עס איז נישט דא א זאך וואס עס

נוצט נישט דערויף תשובה, בפרט ווען א מענטש ווייגט צום אייבערשטן; קיין שום טיר איז נישט פארמאכט פאר א מענטש וואס קומט צום אייבערשטן און וויינט זיך אויס צו אים.

לייג אריין אין די קינדער יראת שמים; פארצייל זיי מעשיות פון צדיקים, דאס וועט זיי אויפפלאקערן זייער הארץ צו זיין ערליכע אידן, זיי וועלן מקנא זיין די צדיקים און זיי וועלן נאכטון די צדיקים. עס איז באוואוסט דער סיפור אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געפרעגט דעם מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיי, האט דער מלמד אים געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואסערע מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב: "נישט דאס מיין איך מוסר, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע"; ווייל מעשיות פון צדיקים דאס פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שטענדיג עוסק זיין נאר אין תפילה.

...

~~~~~~~~~~~

## קביעת עתים אויף א פונקטליכער מינוט? וויפיל מוז מען ארבעטן? מעג מען מפרסם זיין סיומים?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר דעם וואס איר געבט די געלעגנהייט אייך צו קענען פרעגן שאלות, און פאר די ערליכע קלארע תשובות בטוב טעם ודעת.

איך האב געוואלט פרעגן עטליכע זאכן. איינס לגבי קביעת עתים לתורה, אויב דאס דארף זיין ממש אויף די זעלבע צייט יעדן טאג א גאנץ יאר, וואס דאס איז שווער מקיים צו זיין ווייל ס'דא צייטן וואס ס'ווערט פריער נאכט, און אנדערע צייטן ווערט שפעטער נאכט, און אויך איז דא שבתים וימים טובים וואס מ'קען אין די צייט זיין פארנומען מיט סעודות אדער דאווענען וכדומה.

צווייטנס האב איך געוואלט פרעגן אויב איינער וואס ארבעט שוין 50 שעה א וואך, אבער ער מאכט נישט גענוג געלט צו דעקן אלע הוצאות, צי ער איז מחויב מצד די כתובה ומצד די חיוב צו שפייזן די קינדער און צאלן שכר לימוד, צו ארבעטן מער שעות.
~~~~~~~~~~~

אויך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח סימן תקס"ה וביו"ד סימן רמ"ט סי"ג) אז מ'זאל נישט מפרסם זיין אז מ'האט געפאסט אדער אז מ'האט געגעבן צדקה, אויב אזוי צי מעג מען מפרסם זיין אז מ'האט געענדיגט א מסכת, אדער אז מ'האט געענדיגט אזויפיל און אזויפיל מאל משניות?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס, עקיבא

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד עקיבא נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיטן אייבערשטנס הילף וועל איך דיר ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

בענין קביעות עתים לתורה; דער רבי האט אמאל געפרעגט א איד צי ער לערנט יעדן טאג, האט דער איד געענטפערט דעם רבי׳ן אז ער האט נישט קיין צייט צו לערנען, ווייל ער איז פאריאגט און פארפלאגט, ער מוטשעט זיך זייער צו ברענגען פרנסה פאר זיין ווייב און קינדער, און ער האט ממש נישט קיין צייט צו לערנען. האט אים דער רבי געזאגט: אפילו דו ארבעטסט א גאנצן טאג און דו קענסט זיך נישט קובע זיין א באשטימטע צייט צו לערנען, דאך זאלסטו זען ארויס צו כאפן יעדן טאג אביסל צייט צו לערנען תורה. דער רבי זאגט אז דאס איז פשט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לא.) אז ווען א מענטש קומט ארויף אויף יענע וועלט פרעגט מען אים: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״ בפשטות זעט אויס אז מען פרעגט דעם מענטש צי ער האט באשטימט א צייט יעדן טאג צו לערנען, אבער דער רבי טייטשט אנדערש, אז מען פרעגט אים צי ער האט אראפ גע׳גנב׳עט צייט צו לערנען תורה יעדן טאג טראץ זיינע שוועריקייטן און איבערגייעכץ, ווייל קֶבַע איז א לשון פון גְּזֵלָה, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב, כג) ״וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ״, זעט מען אז דאס איז א לשון פון גנב׳נען; דאס מיינט מען צו פרעגן דעם מענטש: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?״ צי ער האט ארויס געכאפט פון זיין פארנומענעם טאג אפאר מינוט צו לערנען תורה (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רפד).

אז מען לערנט אויפן ״סדר דרך הלימוד״ פון הייליגן רבי׳ן - לערנט מען א גאנצן טאג; ווען מען האט א ליידיגע מינוט כאפט מען אריין אביסל תורה. אפילו מען ארבעט ביטער שווער האלט מען שטענדיג מיט זיך א זעקל ספרים וואס ענטהאלט א חומש׳ל, א משניות׳ל, א תהלים׳ל וכו׳ און ווען מען האט אן איבעריגע מינוט כאפט מען אריין

אביסל גוטס, מען איז מקיים דעם "קָבַע"ְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה" - מען גנב'ט צייט צו לערנען, דאס קען יעדער איינער באוויזן.

אז דו וועסט נאכקוקן ווי אזוי די ברסלב'ע חסידים פירן זיך וועסטו זען ווי מען קען ארבעטן און אין די זעלבע צייט זיין דבוק צום אייבערשטן; א ברסלב'ער חסיד גייט שטענדיג מיט א זעקל ספרים, אזוי אז עס איז נישט דא ביי אים קיין ביטול הזמן - אדער לערנט מען, אדער רעדט מען צום אייבערשטן, אדער איז מען עוסק אין הפצה - מען איז מקרב נאך א איד צום אייבערשטן.

א ברסלב'ער חסיד איז אמאל געפארן מיט א וואגן פיל מיט סחורה צו א יריד; אינמיטן וועג האט זיך אראפ געלאזט א שטארקע רעגן און ער האט נישט געקענט ווייטער פארן, האט ער זיך אפגעשטעלט, אויסגעשפרייט א דעכל און זיך געזעצט לערנען זיינע שיעורים קבועים. אינמיטן איז ר' נתן דורך געפארן און ער האט געזען ווי דער איד זיצט דארט און לערנט זיינע שיעורים מיט א חיות און א געשמאק, און ער האט זייער הנאה געהאט. שפעטער האט ר' נתן געזאגט: "איך האב געזען אויף דעם איד ווי ער האט זייער הנאה געהאט אז עס רעגנט, ווייל אזוי האט ער געקענט לערנען זיינע שיעורים כסדרן און נישט געדארפט ארבעטן".

בענין פרנסה וכו'; דער מאן דארף וויסן אז ער האט אונטער געשריבן ביי די חופה אין די כתובה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", איך וועל דיר שפייזן וכו', דעריבער דארף ער טון אלעס אויף דער וועלט צו שפייזן זיין ווייב און קינדער אז ער זאל חס ושלום נישט אריין פאלן אין חובות; די ערשטע זאך דארף מען צאלן דירה געלט, ווייל אויב מען צאלט נישט קיין רענט וועט מען נישט האבן קיין דאך איבערן קאפ. דעריבער האט מוהרא"ש אונז געזאגט אז דאס ערשטע פלאץ וואו די געלט דארף גיין איז פאר רענט; רענט קומט פאר עסן און פאר אלעמען. נאכדעם דארף מען צאלן לעקטער, געז, גראסערי וכו' וכו', און אז מען ארבעט נישט פאלט מען אריין אין חובות השם ישמרינו ויצילינו, און איינמאל מען האט חובות איז מען שוין נישט דער מענטש וואס מען איז באמת, מען האט שוין נישט קיין מח, מען איז א נצרך לבריות, נאכדעם קען מען נישט דאווענען און נישט לערנען און דער לעבן ווערט אויס.

פאלג דעם רבי'ן וועסטו האבן שפע; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט): "עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דער עיקר עשירות קומט בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב; אז דו וועסט פריילין מאכן דיין ווייב און דו וועסט איר מכבד זיין, וועסטו זוכה זיין צו האבן פרנסה בריווח. אז מען קריגט זיך אין שטוב, מען האט נישט

קיין געדולד צו זיין אין שטוב, און מען זוכט אלץ תירוצים צו בלייבן אינדרויסן מיט חברים וכדומה - דעמאלט פארלירט מען די געלט.

בענין צי מען זאל מפרסם זיין ווען מען ענדיגט א מסכתא; עס ווענדט זיך פארוועם מען איז דאס מפרסם, אז א ראש ישיבה וויל אריין ברענגען א חשק אין אנדערע תלמידים איז זיכער גוט דאס צו מפרסם זיין, יעדע סיום פון די תלמידים, אזוי ווי מיר געפונען אין די גמרא (שבת קיח:): אביי האט געזאגט: "תֵּיתֵי לִי, דְּכִי חֲזֵינָא צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דְּשָׁלִים מַסֶּכְתֵּיהּ, עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן", זאגט רש"י אויפן פלאץ: אביי איז געווען א ראש ישיבה און יעדעס מאל א תלמיד האט מסיים געווען א מסכתא, האט אביי געמאכט א סעודה און זיך זייער געפריידט. ער האט געזאגט: "תֵּיתֵי לִי", זאל מיר קומען שכר אויף דעם וואס איך פלעג זיך מיט פרייען מיט יעדע סיום פון מיינע תלמידים כדי אריין צו ברענגען אין זיי א חשקת התורה.

אזוי אויך אז מען איז מסיים א מסכתא איז א גרויסע מצוה דאס צו מודיע זיין פאר די עלטערן; דאס איז די גרעסטע כיבוד אב ואם - ווען עלטערן זעען ווי זייער קינד לערנט פלייסיג. און זיכער דארף מען דאס מודיע זיין פאר די אייגענע קינדער, ווייל קינדער מאכן נאך זייערע עלטערן; קינדער וואס וואקסן אויף אין א שטוב וואו דער טאטע לערנט, זיי האלטן מיט יעדעס מאל ווען דער טאטע מאכט א סיום - וועלן זיי דאס נאכמאכן. עס איז נישט דא א גרעסערע זאך אין חינוך ווי ווייזן א לעבעדיגעביישפיל; קינדער וואס וואקסן אויף מיט א טאטע וואס לערנט און מאכט סיומים וועלן זיי דאס נאכטון.

אזוי אויך אז מען האט א חבר וכו' און מען זעט ווי יענער דריידט זיך ביי א רבי א יאר צוויי דריי וכו' און ער לערנט נישט, פון יאר צו יאר עפענט ער נישט קיין אידיש ספר, מעג מען אים אויך זאגן: "דו ווייסט, איך האב זוכה געווען צו לערנען און מסיים זיין כך וכך מאל ששה סדרי משנה"; "איך האב זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן כך וכך מאל גאנץ ש"ס", דאס קען יענעם אויפוועקן פון זיין שלאף ער זאל טראכטן "וואו בין איך אויף דער וועלט?" "וואס טו איך אויף דער וועלט?" "וואס באקום איך פון מיין רבי?" "פארוואס לויף איך נאך א מענטש וואס קען מיר נישט נאנט ברענגען צום אייבערשטן?"

איך האף דו וועסט ארויס נעמען פון דעם בריוו שכל צום לעבן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## איך מוטשע זיך מיט פרנסה, און מיט תורה און תפלה, וואס טוט מען?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך בין אנגעקומען צו אייערע שיעורים, וואס האבן מיר ממש געטוישט דאס לעבן צום גוטן. איך ארבעט אסאך שעות, און אין די איבריגע צייט פארברענג איך מיט מיין פאמיליע, און עס קומט מיר נישט אויס קיין צייט צו לערנען, ווען איך בין אבער געווארן געוואויר דורך אייך פון דעם סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, האב איך אנגעהויבן צו לערנען, און איך האב ב"ה שוין געענדיגט גאנץ ששה סדרי משנה.

למעשה אבער קומט אפילו דאס אויך אן זייער שווער, דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף מיר און נעמט מיר ממש צו די גאנצע צייט, איך פרוביר צו רעדן צום אייבערשטן אבער איך שפיר אז מיינע תפלות ווערן נישט געענטפערט.

מיין פרנסה איז נישט די בעסטע, סיי מיט דעם וואס איך ארבעט אויף א פלאץ מיט פרייע אידן, און דאס איז זייער נישט גוט פאר מיר, אויך מאך איך נישט גענוג געלט, קוים וואס איך קען ענדיגן דעם חודש, און פון קויפן א דירה איז שוין אפגערעדט אז ס'איז נישט מעגליך. איך בעט אזויפיל דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א בעסערע פרנסה, אויף א בעסערע פלאץ, דערווייל זע איך אבער נישטא אז די תפלות זאלן ברענגען פירות.

און אפילו דאס ביסל התבודדות קומט מיר אויך אן זייער שווער, די איינציגסטע צייט וואס איך האב צו מאכן התבודדות איז נאר שפעט ביינאכט, און ווען איך גיי שלאפן שפעט שטיי איך נאכדעם אויף שפעט, און דאס שטערט מיר דעם גאנצן טאג.

איך האף אז איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן און מחזק זיין.

א גרויסן יישר כח, אברהם

## תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אברהם נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו דארפסט טאנצן פאר שמחה אז דו האסט זוכה געווען צו מסיים זיין ששה סדרי משנה אין דיין לעבן, וויפיל עלטערע מענטשן האבן נאך נישט געענדיגט אפילו איינמאל אין לעבן גאנץ ששה סדרי משנה; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט די הייליגע תורה.

משנה באטרעפט דריי הונדערט פינף אין נייניציג, און פרנסה באטרעפט אויך דריי הונדערט פינף אין נייניציג; בזכות לימוד משניות וועסטו האבן שפע ברכה און הצלחה.

יעדער איינער מוטשעט זיך; עס איז נישט דא אויף דער וועלט א מענטש וואס זאל זיך נישט פלאגן. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד". אפשר איז דא אויבן אין הימל א וועלט וואס הייסט 'עולם הזה', ווייל דא איז נישט דא קיין עולם הזה, נאר דא איז דער גיהנום אליין, ווייל יעדער איינער איז פול מיט יסורים. נאך זאגט דער רבי (שם) אז יעדער איינער ליידט יסורים, עס איז נישט דא קיין איין מענטש וואס זאל נישט האבן קיין יסורים וכו׳, און אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פול מיט יסורים, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, ער לעבט וויניג און דאס גאנצע לעבן איז פול מיט ווייטאג, אזוי אויך זאגט שלמה המלך (קהלת ב, כג): "כָל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פול מיט כעס און ווייטאג; עס איז נישט דא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן נאר צום אייבערשטן און צו די תורה.

איך בעט דיר זייער, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות; דער הייליגער ר׳ נתן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: ווען א מענטש דאנקט שטענדיג דעם אייבערשטן; ווען מען פרעגט אים: "וואס מאכסטו?" "וואס הערט זיך?" ענטפערט ער: "ברוך השם, געלויבט דעם אייבערשטן", דאן זאגט דער אייבערשטער: "קוק אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין לעבן, און ער איז אזוי פריילך און אזוי דאנקבאר; איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט, און מען געבט אים א גוט לעבן".

דאנק און לויב דעם אייבערשטן פאר דיין ווייב און קינדער; דאנק אים אז דו ביסט געזונט און שטארק. וויפיל אידישע קינדער ליגן נעבעך אין שפיטאל מיט ביטערע יסורים; דאנק אים און לויב אים וועט ער דיר עפענען די הימל און דו וועסט זען די ניסים וואס ער דיר מאכן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## איך האב אוועקגעווארפן מיין סמארטפאון, מיין ווייב וויל עס אבער נישט אוועקווארפן, וואס טו איך?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א אינגערמאן פון ארץ ישראל, איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים, און דאס האט מיר זייער שטארק מחזק געווען, איך דאנק דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך האב אייך געטראפן, און איר דערנענטערט מיר צום אייבערשטן. איך האב שוין געענדיגט צען מאל ששה סדרי משנה, און איך האב א שיעור אין גמרא און אין רמב"ם.

איך מוטשע זיך מיט שלום בית און מיט חובות, כאטש איך פארדין שיין פרנסה, און איך ווייס נישט אויף וואס איך דארף מער מתפלל זיין.

איך בין פטור געווארן פון מיין סמארטפאון, איך האב עס אוועקגעווארפן ב"ה, דער פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב וויל עס נאכנישט אויפגעבן, דארף איך איר מעורר זיין אויף דעם? אדער זאל איךווארטן ביז ווען זי וועט אליין אפמאכן אז זי דארף עס נישט האבן?

א גרויסן יישר כח פאר אלעם.

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת קרח, ב' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען זאל זי אוועק ווארפן איר סמארט פאון? פונקטליך די מינוט ווען דו האסט אפגעמאכט אוועק צו ווארפן דיין סמארט פאון?!

וואו איז דיין שכל? וויפיל האט מען געדארפט רעדן צו דיר ביז דו האסט פארשטאנען אז מען קען נישט מחנך זיין קינדער צו תורה ויראת שמים ווען דער טאטע זיצט אין שטוב און שפילט זיך פיר און צוואנציג שעה מיטן סמארט פאון? און יעצט ווילסטו אז זי זאל דאס גלייך אליינס פארשטיין?! וויפיל מאל האסטו געענדיגט ששה סדרי משנה ביז דו האסט באקומען כוחות פון די הייליגע תורה צו האבן די שטארקייט אוועק צו לייגן דיין סמארט פאון? וואס ווילסטו, אז זי זאל עס אין איין מינוט פארשטיין?!

דער אייבערשטער זאל אריין ברענגען א ריינע גייסט אין אידישע קינדער מען זאל וויסן ווי שעדליך עס איז ווען עלטערן שפילן זיך מיטן סעלפאון; עס רייסט ארויס יעדעס פינטעלע יראת שמים פון די עלטערן און פון די קינדער. אז מען דארף דאס פאר

די ארבעט איז איין צרה, אבער אין שטוב איז מען נישט בארעכטיג דאס אריין צו ברענגען בשום פנים אופן. די אלע וואס האלטן זיך קלוגער פון ערליכע אידן וועלן דארפן צאלן א טייערע פרייז שפעטער, ווען מען וועט זיך כאפן וואו די קינדער האלטן וכו׳ וועט שוין זיין אביסעלע שפעט.

ווער רעדט נאך ווי שעדליך עס איז אז א אידישע מאמע האט א סמארט פאון; דאס איז זייער שלעכט פאר די גאנצע שטוב, עס נעמט איר אוועק פון אירע קינדער, עס נעמט איר אוועק פון טון די שטוב ארבעט און עס שפירט זיך ווי א שטוב אן א מאמע השם ישמרינו; קינדער קענען נישט אויפוואקסן מיט א מאמע וואס הערט נישט, זעט נישט און שמעקט נישט נאר איין זאך - איר סעל; קינדער דארפן א מאמע וואס ווען זיי רעדן צו איר איז איר קאפ מיט זיי, נישט אינעם טעלעפאן, און הערט זיי אויס בלויז מיט א פערטל אויער. די קינדער באקומען א געפיל ווי זיי זענען נישט ווערד, מען דארף זיי פשוט נאר פאר די פאר מינוט וואס מען דארף כאפן בילדער פון זיי און שיקן ווייטער אויף סאשעל מידיע; אזא שטוב ווערט חרוב רחמנא לצלן.

דו קענסט רעדן מיט דיין ווייב שיינע ווערטער; ווייז איר דעם בריוו און זאג איר אז פאר דיר איז אויך זייער שווער געווען דאס אוועק צו לייגן וכו׳, און דו האסט עס געטון נאר ווייל דו ווילסט אויפציען ערליכע דורות. אזעלכע ווערטער וועט זי פארשטיין, אבער חס ושלום צו רעדן שארפע ווערטער.

אז דו וועסט רעדן שיין צו דיין ווייב וועסטו האבן פרנסה בשפע, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סט): ״עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה״, דער עיקר עשירות קומט בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב; אז דו וועסט פריילין מאכן דיין ווייב דו וועסט רעדן צו איר שיינע ווערטער, וועסטו ארויס גיין פון דיינע חובות און זוכה זיין צו האבן פרנסה בריווח.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען אויפציען ערליכע אידישע דורות.

...

~~~~~~~~~
~~~~~~~~~